STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10665

DAYTSHLAND

Heinrich Heine

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

היינריך היינע

דײַטשלאַנד

א װינטער-מײַסע.

איבערגעזעצט פון דײַטש —
מ. כאשטשעװאצקי

פאָרװאָרט — פ. שילער

פארלאג „עמעס“, מאָסקװע 1936

Printed in Soviet Union

Редактор перевода—А. Хашин
Техредактор—М. Погостер
Корректор М. Иткин
Сдано в набор 4/IX 35 г. Подписано к печати 5/I 36 г. ф. б. 62×94¹/₃₂ 7 п. л. Уполномоченный Главлита Б —13373. „ЭМЕС“ № 156. Тираж 3000

Тип. „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9
Зак. № 919

פ. שילער

הײנריך הײנע

דעם העכסטן פּונקט פון זײַן שעפערישער אנטוויקלונג אלס רעוואָליוציאָנערער ליריקער האָט הײנע דערגרייכט אין 1844 יאָר אין דער פּאָעמע „דײַטשלאנד". דאן האָט ער אויך אָנגעשריבן „די וועבער" און א גאנצע רײ אנדערע פּאָליטישע לידער, וואָס זײַנען ארײַן אין דער זאמלונג „צײַט־לידער". דאָס 1844 יאָר איז געווען אײנס פון די אמערסטן פּראָדוקטיווע אינעם בלי־פּעריאָד פון הײנעס טאלאנט: דער געניאלער פּאָעט טרעט אין דעם פּעריאָד אָפן ארויס אלס דרייסטער „פּויקער פון דער רעוואָליוציע"; ער איז געשטאנען אמנאָענטסטן צום קאָמוניזם און אפ זײַן שאפן האָבן שטארק געווירקט די אידייען פונעם גרונטלייגער פונעם וויסנשאפטלעכן סאָציא־

ליזמ — קארל מארקס. „דײַטשלאנד" און אויכ פיל אנדערע פונ די צײַט־לידער האָבנ זיכ צומ ערשטנ מאָל באוויזנ אינ דער פאריזשער דײַטשישער צײַטונג „פאָרווערטס" (1844 יאָר), וואָס האָט זיכ דאנ געפונענ אונטער מארקס ווירקונג.

„דײַטשלאנד" — דאָס איז די העכסטע דערגרייכונג פונ היינעס רעוואָליוציאָנערער פאָעזיע; דאָ האָט ער מיט א גרויסער קינסטלערישער קראפט, קלאָר, קאָנסעקווענט און באוווסטזיניק דעמאסקירט די דאָגמעס פונ דער „עמעס"־מאָראל, שטאנד-פאָרורטיילנ און פריווילעגיעס, וואָס מיט זייער הילפ האָבנ די הערשנדיקע קלאסנ געהאלטנ דאָס פאָלק אינ אונטערטעניקײַט. די וויכטיקסטע סאָנימ, קעגנ וועלכע ער טרעט דאָ ארויס, זײַנענ דער אדל און דער קלויסטער, די טעווטאָמאנענ און די פאכדאָנעסדיקע פיליסטערס. אָבער פונ וועלכע פאָזיציעס קריטיקירט ער זײַנע סאָנימ? וואָס-זשע שטעלט היינע קעגנ די בייז-אויסגעלאכטע אָנשויונגענ פונ די רעאקציאָנערע ראָמאנטיקער, שמאָלקעפיקע ראדיקאל-דעמאָקראטנ און שרעקעוודיקע טרוימער? די דאָזיקע פראגע איז פארבונדנ דירעקט מיט דער גרונט-פראגע: ווער אזוינער איז געווענ היינע?

א היפשע צײַט איז אפילע אינ דער מארקסיסטישער קריטיק געווענ פארשפרייט די אָפשאצונג פונ היינענ, אלס אויסדריקער פונ די וועלט-אָנשויונגענ פונ דרײַ קלאסנ, וועלט-אָנשויונגענ, וועלכע ער האָט קלוימערשט אינ איינ און דער זעלבער צײַט סײַ געפרײדיקט סײַ

אָפּגעלייקנט: פון דעם אדל, פון דער בורזשואזיע און פונעם פּראָלעטאריאַט.

איצט איז שוין ניט נייטיק זיך אָפּצושטעלן אף דער דאָזיקער אויסגעשפּראָכן-פאַלשער קאָנצעפּציע, און די סיבעס פון דער וואקלדיקײַט אין היינעס אָנשויונגען דארף מען זוכן ערגעץ אנדערש, — אין דער עוואָליוציע פון דעם קלאַס און פון דער סאָציאַלער גרופּע, פון וועלכער ס׳איז ארויסגעוואקסן זײַן שאפונג, דה. נאָכשפּירן דעם אנטוויקלונג-וועג פון דעם אמערסטן פּאָרגעשריטענעם אין יענער צײַט שיכט דײַטשישער בירגערלעכער דעמאָ-קראטיע — פון דער קליינבירגערלעכער רעוואָליוציאָנערער אינטעליגענץ. היינע האָט זיך צוזאמענגעשטויסן סײַ מיט פארשיידענע גרופּירונגען אין דער בורזשואזיע סײַ מיטן ארבעטער-קלאַס. נאָר אויב זײַן באַציִונג צום אוטאָפּישן און ווּסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, צו מארקסן און צום פּראָלעטאריאַט איז גענוי אויסגעפּאָרשט, — איז היינעס ראָליע און זײַן אָרט אין דער דײַטשישער בירגערלעכ-רעוואָליוציאָנערער אנטוויקלונג ווייניקער באוווּסט. אָבער קעדיי צו פארשטיין די פּאָעמע „דײַטשלאַנד", איז די דאָזיקע פראגע ביז גאָר וויכטיק.

1

צו יענער צײַט, ווען דער יונגער היינע איז ארויס אף דער פּאָליטישער ארענע, איז די פארהעלטעניש פון די קלאַסן-קויכעס אין דײַטשלאַנד געווען אזא: פון איין

זײַט איז געשטאנענ דער אדל, וואָס האָט נאָכנ זיג פונ דער רעאקציע איבער דער פראנצויזישער רעוואָליוציע פארהיט א באַדײַטנדיקנ טייל פונ זײַנע אלטע פריווילעגיעס, אונ דער באזונדערער „קלאס“ — די מעלוכישע באַמטע, אונ פונ דער אנדער זײַט, — די זיכ אנטוויקלענדיקע האנדל-אינדוסטריעלע בורזשואזיע, דער אנטשטייענדיקער ארבעטער-קלאס אונ די קאָלאָסאלע מאסע קליינבורזשואזיע — האנטווערקער אונ פויערים.

„דער קלאס קליינע האנטווערקער אונ הענדלער, — שרײַבט ענגעלס וועגנ דעמ דאָזיקנ פעריאָד, — איז אינ דײַטשלאנד ביז גאָר פילצאָליק אדאנק דער שלאבעריקער אנטוויקלונג פונעמ קלאס גרויסע קאפיטאליסטנ אונ אינדוסטריעלער. זײַנ כאראקטער ווערט באשטימט דורכ דער צווישנלאגע, וואָס ער פארנעמט צווישנ דעמ קלאס גרעסערע קאפיטאליסטנ, הענדלער אונ אינדוסטריעלער, דער אזויגערופענער בורזשואזיע אינ אייגנטלעכנ זינ פונ וואָרט, אונ דעמ פראָלעטארישנ אָדער ארבעטער-קלאס. טרוימענדיק דערשלאָגנ זיכ צומ קלאס קאפיטאליסטנ, ווערנ באזונדערע פערזאָנעג פונ דעמ דאָזיקנ קלאס בא דעמ קלענסטנ דורכפאל אראָפּגעשלײַדערט אינ די רייענ פונעמ פראָלעטאריאט.

דער דאָזיקער קלאס, — זעצט פאָר ענגעלס, — איז ביז גאָר וואקלדיק אינ זײַנע אָנשויונגענ... ווענ די בורזשואזיע קומט צו דער הערשאפט, בא-

קומט ער שטורמישע דעמאָקראַטישע שטרעבונגען, אָבער ווי נאָר דער קלאַס, וואָס שטייט נידעריקער פון אים, — דער פּראָלעטאַריאַט, נעמט פאַר א זעלבסטשטענדיקע באַוועגונג, וויַיכט ער צוריק אין מיַיעסער פּאַכדאָנעס" [1]

די אַמערסטן פאָרגעשריטענע שיכטן פונעם דאָזיקן פּיטל-קלאַס אין דעמאָלטיקן דייַטשלאַנד האָבן טאַקע געשאַפן די סאָציאַלע באַזע, פון וועלכער ס'איז אויסגעוואַקסן היינעס שאַפונג. באַ דער אָנגעוויזענער פאַרהעלטעניש פון די קלאַסן-קרעפטן, באַ דער הערשנדיקער פּאָליטישער לאַגע פונעם אדל, באַ דער פּאַכדאָנעס און שוואַכקייַט פון די גרונט-מאַסן בירגערטום האָט זיך אין דייַטשלאַנד געשאַפן דער פּרייַסישער אַנטוויקלונג-וועג פונעם קאַפּיטאַליזם.

היינע, — אויב מע זאָל ניט רעכענען די קורצע צייַט, ווען ער איז יוגנטלעך באַגייַסטערט געווען פון דער באַוועגונג פון די 1813 — 1815 יאָרן, — איז שוין אין זייַנע פריִיקע ווערק אַרויסגעטראָטן — האַגאַם ער האָט דאָס אָפט פאַרדעקט מיט א ראָמאַנטישן שלייער — פאַר די רעוואָליוציאָנערע גרונט-פאָדערונגען פון דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע: באַזייַטיקן אַלע פעאָדאַלע פענטעס, פריַער פאַר אַלץ — די הערשאַפט פונעם אדל און פון דער קירך; צעשטערן די אַלטע וועלט פון די מיטל-אַלטערלעכע פאָרורטיילן און עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייַט; אָפּרייניקן דעם וועג פאַר דער ראַדיקאַלער רעוואָליוציע.

1 מאַרקס און ענגעלס. ווערק, ב. VI, ז. 19—20.

עמעס, קיינער האָט שטארקער, ווי דאָס האָט געטאָנ היינע אינ זײַנע יוגנט־לידער, ניט אויסגעדריקט דעמ גאנצנ פעסימיזמ, די גאנצע פארצווייפלטקײַט, די גאנצע „צעריסנקײַט“ פונעמ באוווסטזײַנ בא דעמ דאָזיקנ בירגערטומ אינ די ערשטע יאָרנ נאָכנ זיג פונ דעמ הייליקנ בונד איבער נאפאָלעאָנענ אונ איבער דער רעוואָליוציע, ווענ די דײַטשישע בורזשואזיע, וואָס האָט געהאט אייניקע דערפאָלגנ אינ איר אינדוסטריעלער אנטוויקלונג, — באזונדערס אינ די געוועזענע אָקופירטע געגנטנ אינ דײַטשלאנד אינ דער צײַט פונ דער פראנצויזישער הערשאפט אונ פונ דער קאָנטינענטאלער סיסטעמ — איז אָפגעשטעלט געוואָרנ אינ דער דאָזיקער אנטוויקלונג דורכ דער פעאָדאל-ביוראָקראטישער אָרדענונג. דער שארפער אינדיווידואליזמ, דאָס קרענקלעכע רעאגירנ אפ יעטווידער בארירונג מיט דער רעאלער ווירקלעכקײַט, די טענער פונ בײַראָנישנ וועלט-שמערצ — דאָס אלצ איז געווענ אנ אָפשפיגלונג פונ דעמ טרויער, וואָס האָט דאנ ארומגעכאפט די פאָרויסגעשריטענע אידעאָלאָגנ פונעמ בירגערטומ, וואָס האָט זיכ, הילפלאָז אונ אויסוועגלאָז, געוואָרפנ אינ קלעמ פונ דער פעאָדאל־ביוראָקראטישער רעסטאווראציע. דער יונגער היינע האָט געגעבנ דאָס בילד פונ דער דאָזיקער שטימונג אינ דער געשטאלט „פונ דער אפ צווייענ צעריסענער וועלט“.

„אויב מע זאָל טרויערנ איבער בײַראָנס צעריסנקײַט, — האָט געשריבנ היינע, — איז שוינ בעסער צו טרויערנ איבער דעמ, וואָס די וועלט אליינ איז

צעריסן אַף דער העלפֿט. און אַזויווי דאָס האַרץ פֿונעם פּאָעט איז דער צענטער פֿון דער וועלט, האָט עס, פֿאַרשטייט זיך, געמוזט, באַ הײַנטיקן טאָג, צעריסן ווערן אַפֿן סאַמע טרויעריקסטן אופֿן. דער, וואָס באַרימט זיך, אַז זײַן האַרץ איז געבליבן דאָס זעלבע וואָס פֿריִער, איז זיך בלויז מוידע אין דעם, אַז ער פֿאַרמאָגט אַ פּראָזאַיִש האַרץ, פֿאַרוואָרפֿן אין אַ העק. אָבער דורך מײַן האַרץ איז דורכגעגאַנגען דער גרויסער וועלט-ריס, און טאַקע דערפֿאַר ווייס איך, אַז די גרויסע געטער האָבן מיך אַלגנעדיק אויסדערוויילט פֿון פֿיל אַנדערע און געהאַלטן מיך ווירדיק פֿאַר דער העלדישער ראָל פֿון אַ פּאָעט.״[1]

אָבער דער רעאַליסטישער שטראָם פֿון דער ווירקלעכקײַט צעשטערט סײַ דעם וועלט-שמערץ סײַ די ראָמאַנטישע טרוימען פֿונעם יונגן היינע און זיי פֿאַרבײַט די אומראַכמאָנעסדיקע סאַטירע אַפֿן אַדל, אַף דער הענדלעריש-פּשאָרעמאַכערישער בורזשואַזיע און באַלעבעסלדיקײַט, אָט דער, לויט בלאָקס אויסדרוק, „פּראָוואָקאַטערישער שמייכל״ איבער די טראַדיציאָנעלע היסטאָריש-אָפּגעלעבטע דאָגמעס, מינהאָגים און וועלט-אָנשויונגען.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז די סאָציאַלע באַזע, פֿון וועלכער ס'איז אַרויסגעוואַקסן היינעס שאַפֿן, דאָס

[1] H. Heines sämtliche Werke, hrsg. von Fritz Strich, München 1925, Bd. II, S. 387—388.

זײַנען די פֿאָרויסגעשריטענע רעוואָליוציאָנערע שיכטן קלײנבורזשואזן בירגערטום. אָבער דאָס הײסט ניט, אז הײנע איז קײנמאָל ניט ארויס אויסער די ראמען פֿו-נעם היסטאָרישן האָריזאָנט און פֿון דער וועלט-אָנשויונג אפֿילע פֿונעם סאמע פֿאָרגעשריטענעם טײל פֿון דער דעמאָקראטיע. הײ-נעס ווערק זײַנען א פּראָדוקט פֿון דער אנטוויקלונג פֿון דער דאָזיקער סאָציאַלער גרופּע ניט נאָר אין דײַטשלאנד. פּונקט ווי ס'איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן געטעס אָדער הע-געלס שעפֿערישע געשטאלטן, אויב מע זאָל ניט דיסקאָנ-טירן די דערגרײכונגען פֿונעם בורזשואז-פּראָגרעסיוון גע-דאנק אויסער דײַטשלאנד, איז אויך הײנעס שאפֿן אין א באדײַטנדיקער מאָס א רעזולטאט ניט נאָר פֿון דער דײַ-טשישער, נאָר אויך פֿון דער אלגעמײן־אײראָפּײִשער, אל-געמײן-בורזשואזער פּאָליטישער און סאָציאַלער אנטוויקלונג; זײַן וועלט־אָנשויונג האָט זיך אויסגעבילדעט אונטער דער ווירקונג פֿון דער שעפֿע רעוואָליוציאָנערע אידײען, וואָס זײַנען גענומען געוואָרן ניט נאָר פֿון דער דײַטשישער קלאסישער פֿילאָסאָפֿיע און ליטעראטור, נאָר אויך פֿונעם ארסענאל פֿון די אויסלענדישע רעוואָליוציאָנערע דענקער, הויפּטזאכלעך פֿון די אידעאָלאָגן פֿון דער פֿראנצויזישער בורזשואזיע — אָנגעהויבן מיט די פֿאָרגײער פֿון דער רעוואָליוציע ביז סען-סימאָנען. אין סען־סימאָנס סיסטעם האָט הײנען, נאָך פֿאר זײַן אריבערפֿאָרן קײן פּאריז, באזונדערס צוגעצויגן די גראנדיעזע היסטאָרישע קאָנצעפּ-

ציע, וואָס די „שול״, אָדער די „רעליגיע״ פונעמ סענ־סימאָניזמ האָט שפּעטער אזוי פארקריפּלט אָדער אײנזײַ־טיק אנטוויקלט. פארשטײענדיק דעמ היסטאָרישנ פּראָ־צעס אינ סענ־סימאָנס גײַסט, שעצנדיק הויכ זײַנע גע־דאנקענ און זײַנ לערע וועגנ אינדוסטריאַליזמ, וועגנ דעמ פּרימאט פונ טאלאנט אונ וועגנ מאָראל, האָט הײנע, ניט לאנג פאר זײַנ אָפּפאָרנ קײנ פּאריזש, אינ 1831 יאָר אָנ־געשריבנ א פאָרוואָרט צו וועסעלהעפטס ביכל „קאלדאָרפ וועגנ אדל״, ווו ער, הײנע, טרעט שארפ ארויס קעגנ אדל, ווי קעגנ גרעסטנ סוינע פאר דער אנטוויקלונג פונ דער רעוואָליוציע אינ דײַטשלאנד. אינ דעמ דאָזיקנ פאָר־וואָרט פאָרמולירט הײנע צומ ערשטנ מאָל זײַנ בארימטע פּאראלעל צווישנ דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע אונ דער דײַטשישער קלאסישער פילאָסאָפיע.[1]

„אזויארומ האָבנ מיר — שרײַבט ער, — אנ אײַנ־רײַס מיטנ עקזיסטירנדיקנ אונ מיט דער יערושע־דיקײַט אינ קיניגרײַכ פונ געדאנק, פונקט אזוי ווי עס האָבנ עס די פראנצויזנ — אפנ געזעלשאפטלעכנ געביט; ארומ „דער קריטיק פונ רײנעמ פארנונפט״ האָבנ זיכ פארזאמלט אונדזערע פילאָסאָפישע יא־קאָבינער, וועלכע האָבנ אנערקענט נאָר דאָס, וואָס האָט געקאָנט אויסהאלטנ אָט די קריטיק: קאנט איז געווענ אונדזער ראָבעספּיער״.

[1] זע Heines sämtliche Werke, hrsg. von E. Elster, Bd. VII, S. 280—293.

„און איצט איז צײַט, — זעצט פאָר היינע, — אז די דײַטשנ זאָלנ פונ פילאָסאָפיע אריבערגיינ צו פאָליטיק". און דורכפירנדיק א היסטאָרישע פאראלעל צווישנ פראנקרײַכ אינ 1789 יאָר און דײַטשלאנד אינ 1830 יאָר, שרײַבט ער: „נאָר דאנ, ווענ עס זײַנענ פאראנ די זעלבע באדינגונגענ, קאָנ מענ דערווארטנ די זעלבע דערשײַנונגענ".

דעמ אדל האָט ער געהאלטנ פאר א גרויסער שעדלעכער קראפט, וואָס דראָעט קעסיידער דעמ פאקטישנ דורכפירנ אינ לעבנ די פּרינציפּנ פונ פרײַהײַט און גלײַכהײַט. עסטרײַכ מיט מעטערניכנ פארטיידיקנ די אינטערעסנ פונ דעמ אדל, גאנצ אייראָפּע איז פארוואנדלט אינ דעמ אינדזל „הייליקע העלענע". און ווידעראמאָל ווערט נאפּאָלעאָנ געשילדערט אלס זונ פונ דער רעוואָליוציע און פונעמ פאָלק, וואָס די אריסטאָקראטיע האָט אימ אומגעבראכט.

„אָבער נאָר אָנ דער שטערבלעכער הילע פונ דער רעוואָליוציע האָט מענ געקאָנט נעקאָמע נעמענ... — שרײַבט היינע — דער גײַסט פונ דער רעוואָליוציע איז אומשטערבלעכ און ליגט ניט באגראָבנ אונטער די ווייגעגדיקע איוועס אינ לאָנגווּד;[1] און סאָפ יול, אינ דער צײַט פונ די גרויסע געבורט-ווייענ, איז די רעוואָליוציע ווידער געקומענ אפ דער וועלט

[1] נאפּאָלעאָנס קייווער אפנ אינדזל „הייליקע העלענע".

שוינ ניט אלס באזונדערער מענטש, נאָר אלס גאנצ פאָלק, אונ אינ אָט דער איבערגעשטאלטונג פאראכט זי דעמ טורמע-וועכטער,[1] בא וועלכנ עס פאלט פאר שרעק ארויס פונ די הענט דאָס בינטל שליסלענ".

דער דאָזיקער אויספיר, וואָס היינע האָט געמאכט פונ דער יול-רעוואָליוציע, דאָס, וואָס ער האָט פארשטאנענ די טרײַב-פאקטאָרס פונעמ געזעלשאפטלעכנ פראָצעס אונ די נייטיקע פאָרבאדינגונגענ אפ דורכצופירנ היסטאָרישע פאראלעלנ, שטעלנ אימ הויכ איבער די דעמלטיקע בורזשואז-ליבעראלע אונ קליינבורזשואז-ראדיקאלע אידעאָלאָגנ פונ דײַטשלאנד. אפילע אזא רעוואָליוציאָנער געשטימטער שרײַבער, ווי לודוויג בערנע, האָט דאָכ געזענ די סיבעס פונ דײַטשלאנדס אָפגעשטאנענקײַט אינעמ אבסאָליוטיזמ פונ די פירשטנ אונ אינ דער פאכדאָנעס פונעמ בירגערטומ אונ נאָר זעלטנ טרעפט מענ בא אימ א רעמעז אפ דעמ, אז די פאָליטישע אָפגעשטאנענקײַט פונ דײַטשלאנד איז פארבונדנ מיט איר ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ר אָפגעשטאנענקײַט; אז די רעוואָליוציע באשטייט ניט נאָר אינ אראָפוואַרפנ די פירשטנ, נאָר זי דארפ זײַנ א רעזולטאט פונ טיפע סאָציאל-עקאָנאָמישע ענדערונגענ אינ דער געזעלשאפט.[2] בערנע האָט בא-

1 געמיינט מעטערניכנ.

2 זע דעמ בוכ פונ Dr. O. Ras, Börne und Heine, als politishe Schriftsteller. Groningen, 1927.

טראַכט די געשיכטע אַלס קאַמף צווישן די פירשטן מיט די פעלקער; די באַגריפן „קלאַסנקאַמף" און „פּראָלעטאַ־ריאַט" זײַנען אים געווען אומבאַקאַנט; און הײַנע, האָגאַמע ער איז קײנמאָל ניט דערגאַנגען ביזן געשיכטלעכן מאַ־טעריאַליזם, האָט ער דאָך, נאָך דעם, ווי ער האָט דער־לערנט די אַנטוויקלונג פֿון דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט אין פֿראַנקרײַך, אויסגעצײכנט פֿאַרשטאַנען, אַז „ניט די אידייען, נאָר די אינטערעסן רעגירן איבער דער וועלט", און האָט פֿאָרויסגעזען די היסטאָרישע ראָליע פֿונעם אַר־בעטער־קלאַס.

2

מיטן וועג פֿון ריין־אידעאַליסטישער דערקענטעניש פֿון דער ווירקלעכקײַט האָט הײַנע ניט געקאָנט קומען צו אַזאַ מין טיפֿער פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן היסטאָרישן פּראָצעס, פֿאַר דער רעוואָלוציע און פֿאַר דער ראָליע פֿונעם אַרבעטער־קלאַס. אויב אַפֿילו אין פּעריאָד פֿון דער גרעסטער נאָענטקײַט צו מאַרקסן און צום קאָמו־ניזם האָט זיך הײַנע, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, ניט דערהויבן ביז די הײכן פֿון דיאַלעקטישן מאַטעריאַ־ליזם, פֿאַרמאָגט דאָך זײַן וועלט־אָנשויונג, ווי זײַן שאַ־פֿונג, סטיכישע עלעמענטן פֿון דיאַלעקטיק און מאַטעריאַ־ליזם.

„אויב מיר האָבן אַ ווירקלעך גרויסן קינסטלער, — זאָגט לענין וועגן טאָלסטאָיען, — מוז ער אָפּשפּיג־

לענ אינ זייַנע ווערק כאָטש אייניקע פונ די וועזנטלעכע זייַטנ פונ דער רעוואָלוציע”.

היינע האָט פארשטאנענ דעמ היסטאָרישנ גאנג אונ די אנטוויקלונג פונ דער רעוואָלוציע אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אייניקע זייַטנ פונ אָט דעמ היסטאָרישנ גאנג, פריִער פאר אלצ אדאנק זייַנ מעטאָד פונ דערקענענ די ווירקלעכקייַט. ער איז געווענ א ס ע נ ס ו א ל י ס ט. לענינ האָט געזאָגט, אז איבער פארשיידענע וועגנ פירט דער סענסואליזמ צומ מאטעריאַליזמ אונ צומ אידעאליזמ. היינע האָט אינ די יאָרנ 1830—1840 צייַטנווייַז מער געצויגנ צומ מאטעריאַליזמ אונ אינ 1850 יאָר איז ער אריבער צומ אידעאליזמ. פארשטייט זיכ, אז די מאטעריאַליסטישע מאָמענטנ אינ זייַנע ווערק אינ די יאָרנ 1830—1840 זייַנענ אויכ ניט נאָר ניט קיינ קאָנסעקווענטער מאטעריאַליזמ, נאָר אפילע ניט דער פראנצויזישער מאטעריאַליזמ פונ סאָפ XVIII יאָרהונדערט: דעמ סענסואליזמ האָט היינע אופגענומענ הויפטזאכלעכ דורכ סענ-סימאָנס סיסטעמ אונ אויסטייַטשונגענ. היינע גיט א באגרענעצטע אונ ניט קיינ פולקומע פאָרמולע וועגנ דעמ קאמפ פונ צוויי ריכטונגענ: ספיריטואליזמ אונ סענסואליזמ. היינע איז פאר דער באפרייַונג פונ לייַב אונ לייַדנשאפט, פארנ באפרייַענ די מאטעריע פונ דער טרוקענער טיראניע פונ ספיריטואליזמ. אונ אָט לויט דעמ האָט היינע אלע מענטשנ געטיילט אפ ספיריטואליסטנ אונ סענסואליסטנ. ער האָט געשריבנ:

„אַלע מענטשן זײַנען אָדער יודייען אָדער עלי־נער, מענטשן מיט נייגונגען אסקעטישע: פײַנטלעכע צו דער פאָרם, גײַסט־דורשטיקע, אָדער מענטשן, וואָס זײַנען אין עצעם לעבנסלוסטיק, שטאָלץ אפ זייער אנטוויקלונג און רעאַליסטיש".

נאָך היינעס אריבערפאָרן קיין פאריזש און נאָך דעם, ווען ער האָט זיך נעענטער באקענט מיטן סען-סימאָניזם און מיט זײַנע נאָכפאָלגער, האָט זיך היינע אָנגעהויבן צו אינטערעסירן ניט נאָר מיט סען-סימאָנס היס־טאָרישער קאָנצעפּציע און מיט זײַנע אינדוסטריִעלע טענדענצן, נאָר אויך מיט דער סאָציִאַלער און רעליגיעזער לערע פון דער שול, וואָס האָט געשטרעבט צו העכערן דעם מאטעריעלן און אידייִשן ניוואָ פון די פאָלקס־מאסן און באגלײַך דערמיט אָפּגעלייקנט די אבסאָלוטע גלײַכהײַט, קעגנשטעלנדיק איר די סאָציִאַלע יעראַרכיע לויטן גראַד באגאבטקײַט. זײַנע געדאנקען וועגן באנײַען די רעלי־גיע און מאָראַל אפן וועג פון שאפן א פאנטעיִסטישע רעליגיע האָט היינע ארויסגעזאָגט אין זײַנע ווערק „די ראָמאנטישע שול" (1833) און „געשיכטע פון רעליגיע און פילאָסאָפיע אין דײַטשלאנד" (1834).

אין זײַן פּאָלעמיק מיטן ראָמאנטיזם באַרירט היינע אויך דאָס קריסטנטום, וואָס די ראָמאנטיקער פּראָפּאגאַנ־דירן. היינע האלט, אז שוין אין זײַנע גאָר ערשטע דאָגמעס האָט דאָס קריסטנטום אָפּגעלייקנט דאָס גאַש־מיִעסדיקע, און ער זאָגט, אז דאָס קריסטנטום איז א

רעליגיע, „וואָס האָט מיט אירע אומנאַטירלעכע פּאַרגע-בונגען געבראַכט צוויִעס און זינד אָף דער וועלט, א רעליגיע, וואָס איז געוואָרן דער זיכערסטער אָנשפּאַר פאַרן דעספּאָטיזם דורך איר לערע וועגן דער נישטיקייט פון דער וועלט, דורך איר פאָדערן הינטישע אונטערטע-ניקייט און הימלישן געדולד; א רעליגיע, צו וועלכער עס נעמט א סאָף איצט, ווען מענטשן האָבן פאַרשטאַ-נען, אז די מאַטעריע, די האַנאָע פון דער וועלט האָבן אויך זייער רייץ, און מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו פרע-טענדירן אָף זיי".[1] היינעס ווײַזט אויס, אז די ספּיריטו-אַליסטישע און סענסואַליסטישע „וועלט-אָנשויונגען" פאַר-בײַטן איינע די אנדערע אין גאַנג פון דער געזעלשאַפט-לעכער אַנטוויקלונג.

דאָס קריסטנטום איז געקומען אַלס רעאַקציִע קעגן דער גראָבער הערשאַפט פונעם „שרעקלעכן מאַטעריִא-ליזם" אין דער רוימישער אימפּעריע.

„די גאַנצע רוימישע וועלט האָט געשמאַכט אין א שרעקלעך-פּײַנלעכן צושטאַנד. פּונקט אזוי ווי באַזונדערע פּערזאָנען האָבן פון פאַרצווייפלונג אי-בערגעשניטן זיך די אָדערן, זוכנדיק אין טויט א באַהעלטעניש קעגן דער טיראַניע פון די צעזאַרס, זײַנען די ברייטע מאַסן אַרײַנגעפאַלן אין אַסקע-טיזם, אין דער לערע וועגן אָפּטויטן דעם גוף,

[1] H. Heines sämtliche Werke, hrsg. von Fritz Strich. München 1925, B. IV, S. 255—256.

אינעם גאנצנ זעלבסטמאָרד פונ דער נאזארעטאני־
שער רעליגיע, קעדיי מיט איינ מאָל אראָפּוואַרפנ
פונ זיכ דעמ גאנצנ דעמלטיקנ לעבנס־פּײַנ אונ
וואַרפנ אנ ארויסרופ די הענקער פונעמ הערשנ־
דיקנ מאטעריאליזמ". [1]

אלס א רעאקציע אפנ זיג פונ ספּיריטואליזמ איז גע־
קומענ „די אופגעוואכטע ליבע צו דער פריידיקער גרי־
כישער קונסט אונ וויסנשאפט, דער רענעסאנס, וואָס
איז ארויסגעטראָטנ קעגנ קריסטלעכנ ספּיריטואליזמ, וועל־
כער האָט דערגענערירט צו דער אומזיניקער אָפּטויטונג
פונעמ גופ". אינעמ רענעסאנס האָט הײנע געזענ די
דערוואכונג פונ רעאליסטישנ, סענסואליסטישנ לעבנס־
לוסט, וואָס האָט ארויסגערופנ די פּלוצלינגע באקאנט־
שאפט פונ די דענקער פונ דער רענעסאנס־עפּאָכע מיט
די דענקמאָלנ פונ דער גריכישער קונסט אונ וויסנשאפט. [2]

„ווענ די קינסטלער האָבנ זיכ מיט ענטוזיאזמ
ארײַנגעוואָרפנ אינעמ יאמ פונ גריכישער פריילעכ-
קײַט, וואָס פונ איר שויס זײַנענ ווידער ארויס
די געטנס פונ שיינקײַט, ווענ די מאָלער האָבנ
ווידער געמאָלט די אמבראָזיע-פרייד פונ אָלימפּ,

1 Ibid. Bd. VI, S. 453—454.

2 וועגנ הײנעס באציִונג צומ אנטיק זע די ארבעט:
Maria Filtso, „Heinrich Heine und die Antike", Jnaug-Diss. München, 1928.

ווען די סקולפּטאָרן האָבן ווידער מיט דעם פריי־
ערדיקן געניוס אויסגעהאקט אין די מארמאָר־בלאָקן
די פרייערדיקע העלדן, האָבן זיי אלע פרייַ אָפּגע־
אָטעמט, פּונקט ווי בא זיי פון הארצן וואָלט
אראָפּגעפאלן דער שווערער בארג פון קריסטנטום;
פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך פּלוצעם דערפילט פרייַ
פון טויזנטיאָריקן יאָך".

„נאָר די קונסט איז בלויז א שפּיגל פונעם לעבן".
דער פּראָטעסט האָט זיך אויסגעגאָסן אין דער רעפאָר־
מאציע, אין דער קונסט פון רענעסאנס, אין הומאניזם.
גריכנלאנד — דאָס איז א וואָרט, אין וועלכן עס האָט
זיך קאָנצענטרירט דער באגריף וועגן אלץ, וואָס איז
שיין און פרייַ, ווי דאָס לעבן און די קונסט זייַנען
פאַרייניקט אין איין גאנצעס.

דער רענעסאנס איז נאָר א קורצער פרילינג, דאָס
קריסטנטום האָט געזיגט נאָכאמאָל, און אצינד האָט
די מענטשהייַט אופגעוואכט, זי שטייט אפּנ שוועל פון
א נייַער איבערקערעניש, און אפילע דעם דייַטשישן
פאָלק איז קלאָר געוואָרן, אז ער אליין איז טאקע יענער
געלערנטער דאָקטער פאוסט, „וואָס האָט ענדלעך דורכ
זייַן גייַסט באנומען די ניטגענוגנדיקייַט פון גייַסט,
פאָדערט ער מאטעריעלע געניסן און קערט אום דעם
גייַסט זייַנע רעכט". פארשטייט זיך, אז ביז די דאָזיקע
פארלאנגען וועלן אויסגעפילט ווערן, וועט נאָך אריבער־
גיין א געוויסע צייַט, נאָר דערפאר וועט עס זייַן „די

גרויסע רעוואָליוציע", "די גרויסע טאָכטער פון דער רעפאָרמאציע". פאר אָט דער רעוואָליוציע דארף קומען א פילאָסאָפישע רעוואָליוציע, אזוי ווי דאָס איז געווען אין פראנקרײַך. און אזויארום וועט ווערן פרײַ דער וועג פאר א נײַער וועלט-אָנשויונג: פאנטעיִזם, באהעפטונג פון מאטעריע מיטן גײַסט. אָבער באגלײַך דערמיט גרענעצט זיך היינע שארף אָפּ פון די פראנצויזישע מאטעריאַליסטן.

„מיר פאָדערן ווילשטאנד פאר דער מאטעריע, מאטעריעלן גליק פון פעלקער — זאָגט ער, — ניט דערפאר, ווײַל מיר פאראכטן, פונקט ווי די מאטעריאַליסטן, דעם גײַסט, נאָר דערפאר, ווײַל די געטלעכקײַט פונעם מענטשן ווײַזט זיך ארויס אויך אין זײַן קערפערלעכן וועזן, און ווײַל נויט צעשטערט און דערנידעריקט דעם קערפער, גאָטס געשטאלט, און איבער דעם קומט אום אויך דער גײַסט. מיר קעמפן ניט פאר די מענטשלעכע רעכט פונעם פאָלק, נאָר פאר די געטלעכע רעכט פונעם מענטשן. מיר ווילן ניט זײַן קיין סאנקיולאָטן, מעסיקע בורזשוא, ביליקע פּרעזידענטן; מיר גרינדן א דעמאָקראטיע פון גלײַכפּרעכטיקע, גלײַכהייליקע, גלײַכגײַסטפולע געטער. איר פאָדערט איינפאכע קליידונג, צוריקגעהאלטענע זיטן און פארעווע פארגעניגנס; מיר אָבער פאָדערן נעקטאר און אמבראָזיע, פורפור-מאנטיעס, טײַערע ווײַ-

רויכנ, פרײלעכקײט אונ פראכט, טענצ פונ לאכנ־
דיקע נימפעס, מוזיק אונ קאָמעדיע".

אנטשפרעכיק צו די דאָזיקע אידעאלנ פונ רעסטאור־
ירנ די עלינישע אנטיקע קולטור מיט איר קונסט, אינ וועלכער די פאָרמ איז אײניק מיטנ אינהאלט, דער גײַסט מיט דער מאטעריע, האָט אויכ הײנע געפרײדיקט, סע זאָל דערציִענ „א פרײַע אינדיווידואליטעט".

אָט דאָס באנעמענ דעמ פראָצעס פונ געשיכטלעכער אנטוויקלונג אונ די באדײַטונג פונעמ רענעסאנס אינ קאמפ קעגנ דער קירכ אונ קעגנ אידעאליזמ דערמאָנט אונדז ערטערווײַז די אָפשאצונג פונ דער אנטיקער וועלט אונ פונ דער רענעסאנס־עפּאָכע, וואָס עס האָבנ געגעבנ מארקס אונ ענגעלס.

„אינ די מאנוסקריפטנ, וואָס זײַנענ געראטעוועט געוואָרנ בא דעמ אומקומ פונ ביזאנצ, — שרײַבט ענגעלס וועגנ רענעסאנס אינ דער „דיִאלעקטיק פונ דער נאטור", — אינ די אנטיקע סקולפטורנ, וואָס זײַנענ אויסגעגראָבנ געוואָרנ אינ די כורוועס פונ רוימ, איז פארנ פארוווּנדערטנ מײַרעוו אופגע־קומענ א נײַע וועלט — דאָס גריכישע אלטערטומ; פאר זײַנע העלע געשטאלטנ זײַנענ פארשוווּנדנ די געשפענסטנ פונעמ מיטלאלטער. דאָס איז די גרעסטע פראָגרעסיווע איבערקערעניש, וואָס די מענטשהײַט האָט ביז יענער צײַט איבערגעלעבט. אנ עפּאָכע, וואָס האָט זיכ געניײטיקט אינ טיטאנענ אונ וואָס

האָט געבוירנ טיטאנענ, לויט דער קראפט פונ געדאנק, לויט דער לײַדנשאפטלעכקײַט און לויטנ כאראקטער, לויט דער פילזײַטיקײַט און געלערנטקײַט..."

ענגעלס האָט, פארשטייט זיכ, ניט באטראכט די דאָזיקע עפּאָכע, ווי עפּעס אנ אימאנענטנ אייביקנ אידעאל, וואָס דער פּראָלעטאריאט דארפ אימ אופלעבנ, נאָר ווי א באשטימטנ היסטאָרישנ עטאפּ אינ דעמ רעוואָליוציאָנערנ אופגאנג פונ דער בורזשואזיע. נאָר דאָכ האָט חיינע געקאָנט געבנ אזא אויסטײַטשונג פונ די דאָזיקע דערשײַנונגענ, אנ אמערסטנ פּאָרויסגעשריטענע פארנ בורזשואזנ געדאנק פונ יענע צײַטנ, נאָר אדאנק דעמ, ווײַל ער האָט טיילמאָל ארײַנגעטראָגנ עלעמענטנ פונ דיאלעקטיק און מאטעריאליזמ אינעמ סענסואליזמ פונ זײַנ שאפנ.

יעדער אידיי פונ „אבסאָליוטער גלײַכהײַט" האָט היינע קעגנגעשטעלט דעמ טיפּישנ פאר דער אופקומענדיקער בורזשואזיע אידעאל פונ דערציִענ „א העלע, א פרײַע אינדיווידואליטעט", וואָס איז לויט זײַנ מיינונג דער רעזולטאט און דער אידעאל פונעמ היסטאָרישנ פּראָצעס, און אלע ספּארטאנער און ספּיריטואליסטנ — האָט ער קעגנגעשטעלט זײַנ אידעאל פונ עלינענטומ, פונ באפרײַענ דאָס קערפּערלעכע. א פארקערפּערונג פונ דער דאָזיקער גלײַכהײַט און גראָבקײַט ווײַזט אימ אויס צו זײַנ די מעלוכישע אָרדענונג פונ ספּארטע,

„פונ דער דאָזיקער גרויסער גודנער פאבריק פונ
פאטריאָטיזמ, פונ דער דאָזיקער קאזארמע פונ
רעפובליקאנישער טוגנט, פונ דער דאָזיקער דער־
הויבנ־פאסקודנער קיכ פונ גלייַכהייַט, ווו דעמ
שווארצנ זופ האָט מענ געקאָכט אזוי שלעכט,
אז די אטישע שארפע צינגער האָבנ באהויפטעט,
אז קלוימערשט איבער דעמ האָבנ די לאקעדעמאָ־
נער פאראכטעט דאָס לעבנ און זייַנענ העלדיש
געגאנגענ אפ טויט בייס א שלאכט".

שפעטער, באריירנדיק לויִ בלאנס טעטיקייַט און זייַנ
„סאָציאליזמ", זאָגט הייַנע, אז בלאנ האט געוואָלט

„אייַנפירנ אינ דער מעלוכע אלגעמיינע קיכ־
גלייַכהייַט, ווו פאר אלעמענ וועט מענ קאָכנ איינ
און דעמ זעלבנ ספארטאנישנ געקעכצ און, וואָס
עס איז נאָכ שרעקלעכער, א גיגאנט וועט באקר־
מענ די זעלבע פאָרציע, מיט וועלכער עס באנוגנט
זיכ דער ברודער, דער קארליק. ניינ, א שיינעמ
דאנק דיר, נייַער ליקורג! עמעס, מיר זייַנענ טאקע
אלע ברידער, נאָר איכ בינ א גרויסער ברודער,
און איר זייַט קליינע ברידער, און מיר קומט א
באדייַטנדיקערע פאָרציע".[1]

ארויסגייענדיק פונ דעמ שטאנדפונקט איז טאקע אָנ־
געשריבנ הייַנעס פאָלעמישער בוכ קעגנ בערנע.

---

1 עס ווערט ציטירט לויטנ בוכ פונ מ. פילטזאָ, 1, ז. 42.

אדאנק זײַנ היסטאָרישנ האָריזאָנט, א פילברייטערנ ווי דער האָריזאָנט פונ דעמ קלאס, פונ וועלכנ ער איז ארויס אונ וועמעס פאָרשטייער ער איז געווענ, האָט היינע געקאָנט פארשטיינ, אז די צײַט פונעמ קלאסיש־פאָליטישנ אופשטײַג פונ דער בורזשואזיע, וועלכער איז פאָרגעקומענ אָנגעהויבנ פונעמ רענעסאנס ביז דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע, איז אוועק, אונ אז וועגנ פארווירקלעכנ זײַנע אידעאלנ קאָנ גאָר קיינ רייד ניט זײַנ אפ דער סטאדיע פונ דער בורזשואזער אנטוויקלונג אינ דער געגעבענער עפּאָכע. עס זײַנענ אפ אייביק פארשוווּנדנ יענע צײַטנ, ווענ די טוער פונ דער בורזשואזער רעוואָליוציע „האָבנ אָנגעטאָנ אינ א רוימישנ קאָסטיומ אונ מיט רוימישע פראזנ פארווירקלעכט די זאכ פונ זייער צײַט — זיי האָבנ באפרײַט פונ די פעאָדאלע קלעמענ אונ אופגעבויט דעמ ביניענ פונ דער מאָדערנער בורזשואזער געזעלשאפט״ — ווי ס׳רעדט וועגנ זיי מארקס אינ „18 בריומער״, ווײַל

> „קוימ האָט זיכ נאָר די נײַע געזעלשאפטלעכע פאָרמאציע באוויזנ אויסצופורעמענ, ווי ס׳זײַנענ שוינ פארשוווּנדנ די פארזינטפלוטיקע גיגאנטנ אונ דאָס רוימישע, וואָס איז אופגעשטאנענ טכיִעס-האמייסימ... די ניכטער־פראקטישע בורזשואזע געזעלשאפט האָט געפונענ פאר זיכ די עמעסע אויסטײַטשער אונ פאָרשטייער אינ די סייענ, קוזענ,

ראָיע-קאָלא, בענזשאמענ קאָנסטאנענ אונ גיזאָ, אירע ווירקלעכע פירער זײַנענ געזעסנ אינ די האנדלס-קאָנטאָרנ, איר פּאָליטישער פירער איז געווענ דער פעטקעפּיקער לודוויג XVIII. פאר־טאָנ מיט לײַב אונ לעבנ אינ אָנזאמלענ רײַכ־טימער אונ אינ פרידלעכנ קאמפ אינ געביט פונ קאָנקורענצ, האָט די בורזשואזיע פארגעסנ, אז איר וויג האָבנ באוואכט די אלט-רוימישע געשטאלטנ".

אָט די „ניכטער־פּראקטישע בורזשואזע געזעלשאפט" האָט שוינ ניט געשאפנ מער אזוינע קעמפער, וועגנ וועלכע ענגעלס זאָגט: „באזונדערס כאראקטעריסטיש פאר זיי איז דאָס, אז קימאט אלע לעבנ זיי מיט אלע אינ־טערעסנ פונ זייער צײַט, נעמענ אָנטייל אינ פּראקטישנ קאמפ, שטעלנ זיכ אפנ צאד פונ דער אָדער יענער פּארטיי אונ קעמפנ ווער מיט וואָרט אונ פענ, ווער מיטנ שווערד אונ ווער מיט ביידע זאכנ צוזאמענ." דאָס איז געווענ מעגלעכ נאָר דערפאר, ווײַל „די מענטשנ פונ יענער צײַט זײַנענ נאָכ ניט געוואָרנ קיינ קנעכט פונ דער ארבעט־צעטיילונג, וואָס איר באגרענעצנדיקע, קא־ליעטשענדיקע ווירקונג באמערקנ מיר אזוי אָפט אפ זייערע נאָכפאָלגער". דער קאפּיטאליזם, וואָס איז פײַנטלעכ, ווי דאָס זאָגט מארקס, צו אייניקע געביטנ פונ גײַסטיקנ שאפנ, ביפראט דער אנטוויקלונג פונ קונסט, האָט ניט געקאָנט באפרידיקנ היינענ. ווי היינע זאָל ניט האָבנ באגריסט דאָס, וואָס אינ די אָפּגעשטאנענע לענדער איז ארײַנגע־

דרונגען דער מאשיניזירטער פראָדוציר-מעטאָד און וואָס באגלייך דערמיט איז צעשטערט געוואָרן די עקאָנאָמישע באזע פונעם פעאָדאליזם, האָט ער אויך פארשטאנען — און דאָס באווייזט נאָר זיין ווייטזיכטיקייט — די היסטאָרישע ראָליע פונעם ארבעטער־קלאס. שוין אין זיינע סאמע פריע ווערק לאכט ער ביז אויס די הענדלערישקייט פון דער בורזשואזיע, זעט ער קלאָר די עקספּלואטאציע און ער פארורייטלט זי. דערפירנדיק ביזן לאָגישן סאָף זיין קאָנצעפּציע פון דער געשיכטלעכער אנטוויקלונג, קומט היינע קאָנסעקווענט צום אויספיר, אז „מיטן אראָפּווארפן די אלטע גלויבנ־דאָגמעס ווערט ארויסגעריסן מיטן וואָרצל אויך די אלטע מאָראל. דאָס פארניכטן דעם גלויבן אין הימל האָט ניט נאָר א מאָראלישע, נאָר אויך א פּאָליטישע וויכטיקייט. די מאסן דולדן מער ניט מיט קריסטלעכער אונטערטעניקייט זייער ערדישע נויט און שטרעבן צו גליק אף דער ערד". היינע האָט זיך אָפּגעגעבן דינווּעכעזשבן אין דעם, אז די לאָגישע אנטוויקלונג פון זיין קאָנצעפּציע ברענגט צו קאָמוניזם, וועלכן ער האָט, אגעוו, פארשטאנען זייער פּרימיטיוו. וועגן לויפיליפּס רעזשים און וועגן דער פראנצויזישער פינאנצאָליגארכיע נאָך דער יול־רעוואָליוציע זאָגט ער:

„מיט זיין זיג האָט דאָס פאָלק גאָרניט געוווּנען,
כוץ כאראָטע און גרויסער נויט. נאָר זייט זיכער,
ווען ס'וועט ווידעראמאָל אופשאלן דער גלאָקן-רו,
און דאָס פאָלק וועט זיך נעמען פארן געווער, וועט

עס שוין דאָס מאָל קעמפֿן פֿאַר זיך אַליין און וועט פֿאָדערן די אַבסאָליוט־פֿאַרדינטע באַלוינונג״.

מע וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך אַ גאַנצע רײ ציטאַטן אַלס באַווײַז, אַז בײַז קריטיקירנדיק דעם אַדל, פּראָפּאַגאַנדירנדיק אַ ראַדיקאַלע רעוואָלוציאָנערע איבערקערעניש, איז היינע אין דער זעלבער צײַט געווען ניט שטאַרק אַנציקט סײַ פֿון דער בורזשואַז־קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדענונג אין פֿראַנקרײַך מיט דער הערשאַפֿט פֿון דער פֿינאַנץ־אָליגאַרכיע, סײַ פֿון דער ענגלישער קאָנסטיטוציע, סײַ פֿון דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער אָרדענונג אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן, וועלכע ער האָט אָנגערופֿן „די טפּיסע פֿון דער פֿרײַהײַט״. זײַנע ווערק פֿון די 30־ער, אָנהייב 40־ער יאָרן באַווײַזן, אַז ניט געקוקט אויף אַלע אידעאָלאָגישע וואַקלונגען און אָפּטמאָל קעגנזעצלעכע פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען, איז היינע געווען צווידער דער הענדלערישער גײַסט פֿון דער אויפֿגייענדיקער בורזשואַזיע, וואָס איז פֿײַנטלעך דער קונסט און דער דערציִונג פֿון דער פֿרײַער אינדיווידואַליטעט, וועלכע היינע האָט פּראָפּאַגאַנדירט. דאָס וויכטיקסטע איז אָבער דאָס, וואָס די געשיכטלעכע לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך שוין דאַן געפֿונען די בורזשואַזיע (וועלכע איז געווען געצוווּנגען, באַזונדערס אין דײַטשלאַנד, נאָך אײדער זי האָט באַקומען די פּאָליטישע מאַכט, שוין אַרויסטרעטן ניט נאָר קעגן אַדל, נאָר אויך קעגן אַרבעטער־קלאַס), איז קלאָר ניט געווען קיין אידעאַל פֿאַר אונדזער פּאָעט. אין דער צײַט,

ווען היינע איז ארויסגעטראָטן אין זײַן בוך קעגן בערנע און אין „אטא טראָל" אויך קעגן די ענג־באגרענעצטע דײַטשישע ראדיקאלן, טעווטאָמאנען און דעמאָקראטן, האָט ער איבערגעלעבט א באשטימטן קריזיס — דעם קריזיס פון א פאָרגעשריטענעם אידעאָלאָג פון דער דײַטשישער רעוואָליוציאָנער־בירגערלעכער אינטעליגענץ, וואָס האָט ניט געזען קיין אויסוועג פונעם געשאפענעם איבערפלעכט פון די קלאסן-קרעפטן און וואָס האָט זיך דעריבער ארײַנגעטאָן אין עפּעס א ווײַטער וועלט פון אינדיווידואליזם און עסטעטיזם. ער איז געווען צופיל רעוואָליוציאָנער געשטימט, אים זאָלן באפרידיקן די פאָדערונגען פון דער מעסיקער ליבעראלער בורזשואזיע, וואָס האָט געשטרעבט צו א קאָמפּראָמיס מיטן יונקערטום; ער איז געווען צופיל געשיכטלעך און פּאָליטיש ווײַטזיכטיק, ער זאָל פארכאפּט ווערן פון די פּאָלקיסטישע אילוזיעס פון דער באגרענעצטער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, אָדער פונעם גלויבן אין פּראָגרעס און אין דער וווּנדערלעכער קראפט פון דער בורזשואזער קאָנסטיטוציע, אין דערפּאָלג פון פארשיידענע פּוטש-אונטערנעמונגען פון דעם מין, ווי אָנבינדן דײַטשלאנד א רעוואָליוציע פון דרויסן; נאָר ער האָט ניט גענוג פארשטאנען די טרײַב-פאקטאָרס פונעם היסטאָרישן פּראָצעס, קעדיי מיט דער גאנצער קאָנסעקווענטקײַט זיך שטעלן אף דער זײַט פונעם אנטשטייענדיקן פּראָלעטארישן פראָנט.

אָט אין אזא אידעאָלאָגישן טעמפּן ווינקל האָט זיך

געפונענ היינע, ווענ ער האָט זיכ באגעגנט מיט מארקסנ. אונ מארקס האָט זיכ טאקע באמיט ארויסצופירנ אימ פונ דעמ דאָזיקנ טעמפנ ווינקל. ווײַל גלײַכ נאָכ דעמ, ווי ס'האָט זיכ אויסגעפורעמט די וועלט-אָנשויונג פונעמ פראָלעטאריאט — דער ווּיסנשאפטלעכער קאָמוניזמ — אונ ס'האָט זיכ אָרגאניזירט די פארטיי פונעמ ארבעטער-קלאס — דער קאָמוניסטנ-פארבאנד — איז גלײַכ אנטשטאנענ די פראגע וועגנ אויסנוצנ אונ איבערדערציִענ די בעסטע שרײַבער פונ צווישנ דער רעוואָליוציאָנערער בירגערלעכער אינטעליגענצ, די פראגע וועגנ דער ווירקונג אפ די דאָזיקע פאָעטנ מיצאד דעמ פראָלעטאריאט. ווײַל וואָס פאר אנ אופגאבנ זײַנענ צו יענער צײַט געשטאנענ פאר דער פארטיי פונעמ פראָלעטאריאט? פריִער פאר אלצ איז נייטיק געווענ אופצומונטערנ די בורזשואזיע אונ די ברייטע שיכטנ האנטווערקער, פויערטומ אאוו. צומ אנטשיידענעמ קאמפ פאר דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, צומ אומבעראכמאָנעסדיקנ פארניכטנ דעמ פעאָדאליזמ, קעדיי דערנאָכ צו פארוואנדלענ די דאָזיקע דעמאָקראטישע רעוואָליוציע אינ א סאָציאליסטישער, ווײַל וואָס נעענטער צומ 1848 יאָר, אלצ קלערער איז געוואָרנ דער פראָנט קעגנער פונ דער פעאָדאל-ביוראָקראטישער מאָנארכיע. וועגנ דער דאָזיקער רעוואָליוציאָנערער סיטואציע, ערעוו דעמ 48־טנ יאָר, שרײַבט ענגעלס:

„דער איינציקער זיכערער אָנשפאר פונ דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג איז געווענ דער העכסטער

אדל אונ די העכערע מיליטערישע אונ בירגערלעכע באאמטע, דער נידעריקער אדל, די אינדוסטריעלע בורזשואזיע, די לערער פונ אלע ראזריאדנ אונ אפילע א טייל פונ די נידעריקע שיכטנ ביוראָקראטיע אונ אָפּיצערנטום — זיי אלע האָבנ זיכ פאריייניקט קעגנ דער רעגירונג. אונ הינטער זיי זייַנענ געשטאנענ די אומצופרידענע מאסנ פויערטום אונ פּראָלעטא-ריער פונ די גרויסע שטעט, וואָס האָבנ דערווייַל אונטערגעהאלטנ די ליבעראלע אָפּאָזיציע, נאָר וואָס האָבנ שוינ צומאָל ארויסגעזאָגט אומגעוויינלעכע ווערטער וועגנ דעמ, אז ס'איז שוינ צייַט צו נעמענ די זאכ אינ די אייגענע הענט. די בורזשואזיע איז גרייט געווענ אראָפּצוווארפנ די רעגירונג, אונ די פּראָלעטאריער פונ זייער זייַט האָבנ זיכ געגרייט אראָפּצוווארפנ די בורזשואזיע".[1]

אָט אינ דער דאָזיקער פּאָליטישער סיטואציע איז היינע אפּ עטלעכע יאָר געוואָרנ מארקס א מיטקעמפער, אָדער, אויב מע זאָל זיכ באנוצנ מיט א מאָדערנעמ טערמינ, — א מיטגלייער פונעמ פּראָלעטאריאט. אונ צו די בעסטע ווערק, וואָס היינע האָט אָנגעשריבנ אונטער מארקס ווירקונג, איידער ער האָט זיכ אנידערגעלייגט אינ זייַנ „מאטראצנ-קייווער", געהערט טאקע „דייַטשלאנד" אונ אנדערע

1 מארקס אונ ענגעלס. רעוואָליוציע אונ קאָנטררעוואָליוציע אינ דייַטשלאנד. אויסגאבע פונ 1929 יאָר, זייַט 22.

סאָציאַל־פּאָליטישע לידער, וועלכע זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1844 יאָר אונטערן נאָמען „צײַט־לידער". וועגן אָט דער עוואָליוציע הײַנעס צו דער דערנענטע־רונג מיטן קאָמוניזם שרײַבט ענגעלס אין זײַן אַרטיקל „די שנעלע אַנטוויקלונג פונעם קאָמוניזם אין דײַטשלאַנד" אין דער ענגלישער צײַטונג פון די אָוועניסטן „די נײַע מאָראַלישע וועלט" (1844 יאָר). נאָכן איבערעכענען די דײַטשישע סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן זאָגט ער דאָרט:

„כוץ דעם האָט זיך אָן אונדזערע רייען אָנגע־שלאָסן היינריך הײַנע, דער גרעסטער פון אַלע לע־בעדיקע דײַטשישע פּאָעטן, און האָט אַרויסגעגעבן א באַנד פּאָליטישע פּאָעזיע, וועלכער שליסט אײַן אין זיך אויך אייניקע לידער, וואָס פּראָפּאַגירן דעם סאָציאַליזם. ער איז דער אויטער פון דעם באַרימטן „ליד פון די שלעזיער וועבער", אַן איבערזעצונג פון וועלכער איך גיב אײַך".

ענגעלס זאָגט, אַז „אין דײַטשישן אָריגינאַל איז דאָס איינע פון די שטאַרקסטע פּאָעמעס, וואָס איך קען".[1]

און הײַנע וואַרפט אַוועק די ליבע־מאָטיוון און דעם אינדיווידואַליזם און באַווײַזט די פּאָליטישע פּאָעטן ווי־אַזוי מע דאַרף שרײַבן מיט א קאַנטשיק. אין אַזוינע לידער, ווי „דער קייזער פון כינע", „דער נײַער אַלעק־סאַנדער" אאַז״וו. שמײַסט ער אויס דעם אָדל, רײַסט אַראָפּ דעם „הייליקן" צודעק פון דער פעאָדאַלער ראָמאַנטיק,

[1] מאַרקס און ענגעלס. ווערק, ב. II, ז. 422—423.

צילט זײַנע גיפטיקע פײַלן קעגן אַלע פּרוּװן פון דער „ראָמאַנטיק אױפֿן טראָן", — פון פרידריך װילהעלם דעם IV צו אױפֿלעבן דעם פעאָדאַליזם. איצט, װען ער האָט אונטער מאַרקס װירקונג אָנגעהױבן צו פאַרשטײן אַ סאַך פראַגן, װעלכע זײַנען אים ביז איצט געװען װײניק פאַרשטענדלעך, טרעט ער שױן אַרױס קעגן די יסודות פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט און ר[...]פט דעם אונטערדריקטן דײַטשן מיכעל אױפֿעפֿענען די אױגן און אַראָפּװאַרפן פון זיך דעם יאָך פון עקספּלואַטאַציע.

אָבער באַזונדערס שאַרף פאַלט הײנע אָן אױף אַלע רעאַקציאָנערע קרעפטן פון דער קירך און פון דער פעאָדאַל-ביוראָקראַטישער מעלוכע אין „דײַטשלאַנד". דער אַלטער ליד פון רעזיגנאַציע, דעם „הימלישן בײַ-בײַ" שטעלט ער קעגן זײַן „נײַע ליד".

א נײַע ליד, א בעסערע ליד, —
אָ, פרײַנט, — איך װיל פאַר אײַך שאַפן, —
מיר װילן דאָס הימלשע קיניגרײַך
אָט דאָ אױף דער ערד זיך פאַרשאַפן.
. . . .
עס װאַקסט דאָ אונטן ברױט גענוג
פאַר אַלע מענטשנס װעגן,
אױך רױזן און מירטן, שײנקײַט און לוסט,
און צוקער-אַרבעס װעט קלעקן.

אױב עס פילט זיך נאָך אין די דאָזיקע שורות דאָס סענסואַליסטישע באַנעמען די רעליגיע, האָט אָבער הײנע אין די פראַגן פון פּאָליטיק און פון אָפּשאַצן די לאַגע

אינעם דעמלטיקנ דײַטשלאנד, ווידעראמאָל אונטער מארקס אײַנפלוס, געמאכט א גרויסנ שריט פאָרויס. ביז יענער צײַט האָט ער געקוקט גלײַכגילטיק אפ דער פאָרמ פונ דער מעלוכישער אָרדענונג, איצט אָבער לאכט ער אויס מיט דער גאנצער מײַסטערשאפט פונ זײַנ סאטירע דעמ מאָנארכיסטיש־אדעליקנ שימל פונעמ מיטלאלטער, ראמט אויס די פרײַסיש־יונקערישע פערד־שטאלנ, די סענטימענטאל־מאָנארכישע פארלאנגענ אאוו. אונ אינ זײַנ געשפרעכ מיט בארבאראָסא דעמאסקירט ער די טעוטאָמאניש־ראָמאנטישע פלוידערײַ וועגנ דעמ אימפעראטער דעמ באפרײַער:

האָב איכ זיכ צעשריִענ: — הער רויטע באָרד,
ביסט א העלד פונ א מײַסע אנ אלטער,
גיי לייג זיכ שלאָפנ, מיר וועלנ אָנ דיר
קריגנ די פרײַהײַט, האלט איכ.

. . . .

ס׳געפעלט מיר אויכ ניט די פאָנ דײַנע מער,
עס זײַנענ מיר נימעס צומ שטארבנ
נאָכ פונ די סטודענטישע יאָרנ אָנ
די שווארצ־רויט־גאָלדענע פארבנ.

דאָס בעסטע וואָלט זײַנ, זאָלסט בלײַבנ אינ דער הײמ,
אינ קיפהײַזער, אינ דײַנ נאָרע,
באטראכט איכ די זאכ ווי געהעריק איז,
באדארפנ מיר ניט קײנ קײסאָרימ.

ווײַטער מאכט ער כויזעק איבער דער אָפּגעשטאנענקײַט פונ דײַטשלאנד; איבער דער פארשלאָפנקײַט אונ

פֿאַכדאָנעס פונ די פּיליסטערס, ער פליקט אָפּ דעמ פּרײַסישנ אָדלער, פּאַטשט אויס די מיזרעכ־עלבישע יונקערס אונ וואַרפט פֿאָר די דײַטשישע רעוואָליוציאָנערנ, אַז זיי קאָנענ ניט אויסנוצנ, — אַזוי דריקט ער זיכ אויס אינ אַנ אַנדער ווערק — דעמ דײַטשישנ דעמבנ־וואַלד לויט זײַנ עמעסער באַשטימונג: „אַלס באַריקאַדנ צו באַפרײַענ די וועלט”. הײַנע איז געווענ ווײַטזיכטיקער פונ די ליבעראַלנ פונ זײַנ צײַט, וואָס זייער העכסטער ציל איז געווענ — אויסקעמפנ די קאָנסטיטוציע, — אונ דעריבער האָט ער אויסגעצייכנט פאַרשטאַנענ, וואָס פאַר אַ ווערט עס האָט אַזאַ קאָנסטיטוציע, „ביז עס איז ניט אויסגעוואָרצלט דער גאַנצער אַדל, ביז זײַנ לעצטנ שפּראָצלינג”.

ווענ הײַנע האָט אַרויסגעגעבנ זײַנ „דײַטשלאַנד”, האָט ער אויסגעצייכנט פּאָרויסגעזענ די גוואַלדנ פונ די פּאַריסייער פונ דער דײַטשישער נאַציאָנאַליטעט אונ די אומצופרידנקײַט פונ „אָט די העלדנמוטיקע לאַקייענ אינ שוואַרצ-רויט-גאָלדענע ליווריינ”, ער האָט שוינ אָפּ פּאָרויס געהערט „זייערע ביר-שטימענ”: „דו לעסטערסט אַפילע אונדזערע פאַרבנ, פאַרעטער פונעמ פּאָטערלאַנד”. נאָר ער האָט דעמלט אַוודע ניט געקאָנט פּאָרויסזענ, אַז זײַנ „דײַטשלאַנד” וועט ניט פאַרלירנ זײַנ אַקטועלקײַט קימאַט אינ הונדערט יאָר אַרומ אונ אַז אינ אונדזער צײַט וועלנ די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטנ אונ אַנדערע פּאָרשטייער פונעמ דײַטשישנ פאַשיזמ אַרויסשלעפּנ אָפּ דער ווײַסער וועלט דעמ זעלבנ רעאַקציאָנערנ שימל, קעגנ וועלכנ ער איז

אזוי אומבעראכמאָנעסדיק ארויסגעטראָטן אין 1844 יאָר. די איצטיקע דײַטשישע פאשיסטן דערמאָנען ניט אנדערש היינעס „דײַטשלאנד", ווי מיט הינטישער זידלערײַ און שוים אפ די ליפּן; מער פון אלע זײַנע ווערק רופט בא זיי ארויס דעם גרעסטן קאס דאָזיקע אָט די פּאָעמע, ווײַל די בורזשואזיע, וואָס איז אין דער פארגאנגענהײַט געווען פּראָגרעסיוו, איז שוין פון לאנג געוואָרן רעאקציאָנער און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער רעוואָליוציאָנערער ליטעראַרישער ירושה. כאראקטעריסטיש איז אָבער ניט נאָר די פּאָזיציע פון דער פאשיסטישער בורזשואזיע, נאָר אויך די באציִונג פון דער „דעמאָקראטישער" בורזשואזיע צו „דײַטשלאנד". ס'איז באוווּסט, אז צוליב צענזור־באדינגונגען האָט היינע געמוזט איבערארבעטן די פּאָעמע. אין דער פאָרעדע צו איר שרײַבט ער:

„איך האָב זיך געמוזט ווידעראמאָל נעמען צו דער פאטאלער ארבעט פון איבערמאכן, און דאָ האָט זיכער געקאָנט געשען, אז די ערנסטע טענער זײַנען, מער ווי מע דארף, אָפּגעטעמפּט אָדער צו פריידיק פארהילכט געוואָרן דורך די גלעקלעך פון הומאָר".

און די מאָדערנע „דעמאָקראטישע" פאָרשער געפינען, אז אין דער פּאָעמע „טומלט" היינע ביכלאל מער ווי ער קריטיקירט. אזוי שרײַבט ק. שטערנבערג:

„מע דארף ניט אָננעמען אזוי שרעקלעך ערנסט די פּאָליטישע און אנדערע ארויסזאָגונגען פון דעם

דאָזיקנ סאטירישנ עפּאָס. דאָס איז כוצ דעמ קלאָר אויכ פונעמ הומאָריסטישנ טאָנ פונ די ארויסזאָגונגענ. אינ טאָכ איז דער אינהאַלט דאָ אינ א באַדײַטנדיקער מאָס דער מאטעריאַל, איבער וועלכנ היינע איבט אינ פרײַער שפּיל זײַנע פּאָעטישע קויכעס". [1]

און ווײַטער ווארפט אופ דער דאָזיקער פּאָרשער היינענ, אז ער האָט קלוימערשט געזוענ נאָר די „שלעכטע זײַטנ" פונ דער פּרײַסישער אָנפירונג־סיסטעמ און האָט ניט באמערקט אירע „גוטע זײַטנ".

אָבער כאָטש היינע איז אזויארומ אינ 1840 יאָר און אינ דער רעוואָליוציע פונ 1848/49 יאָר געווענ ביז א געוויסער מאָס א מיטגייער פונעמ ארבעטער-קלאס, איז ער דאָכ אינ זײַנ „מאטראצנ־קיוווער" אוועק פונ סענסואַליזמ, און, ביט געקוקט אפ אלע רייד, אוועק אינ דער זײַט פונ ספּיריטואליזמ, וועלכנ ער האָט פריִער אזוי בייז אויסגעלאכט. און אויב אינ דער דאָזיקער צײַט איז ער דאָכ זיכער אינעמ ענדגילטיקנ זיג פונעמ קאָמוניזמ און צעדרײַסט ניט זײַנ פארבינדונג מיט די „דאָקטוירימ פונ דער רעוואָליוציע" — מארקס און ענגעלס, — האָט ער דאָכ ניט געקאָנט פארשטיינ דעמ מארקסיזמ, נאָר, פארקערט, ער האָט מוירע געהאט פארנ זיג פונ די ארבעטער־קאָמוניסטנ.

---

[1] *Kurt Sternberg*, Heinrich Heines geistige Gestalt und Welt, Berlin—Grunewald, 1929, S. 294.

חיינע האָט זיך ביזן סאָף פון זײַן לעבן ניט באפרײַט פון די אידעאָלאָגישע וואקלונגען, וואָס זײַנען אזוי כאראקטעריסטיש פאר דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ. אים האָט זיך געדוכט, אז די ארבעטער וועלן „אין זייער אומגעלומפערטער פארשיקערטקײַט מיט גלײַכהײַט צעשטערן אלץ, וואָס איז שיין און דערהויבן אפ דער וועלט, און אויסגיסן זייער סעקטאנטישן גרימצאָרן אפ דער קונסט און אפ דער וויסנשאפט", אז „די לאָרבערן פונעם גרויסן פאָעט האָבן זיי פונקט אזוי פײַנט, ווי דעם פורפור פונעם גרויסן קיניג"; אים האָט זיך געדוכט, אז די ארבעטער פילן עפעס א דעמאָקראטישע סינע צו פאָעזיע — „דעם פארנאס מוז מען אויסגלײַכן, ניוועלירן און אויספלאסטערן; און דאָרט, ווו ס'פלעגט זיך אמאָל ארופקלייבן א פרײַער פאָעט, צוהערנדיק זיך צום געזאנג פון נאכטיגאל, וועט אינגיכן זײַן א גלאטער שאָסיי, אן אײַזנבאן מיט א חירושענדיקן דאמפ-קעסל און מיט פארבײַפאָרנדיקן וואָכיקן אוילעם"; אים האָט זיך געדוכט, אז די ארבעטער וועלן פארבאָטן דעם פאָעט צו זינגען וועגן ליבע: „צו וואָס באזינגסטו די רויז, אריסטאָקראט! באזינג דעם דעמאָקראטישן קארטאָפל, וואָס שפײַזט דאָס פאָלק", און דעריבער האָט אים צײַטנווײַז ארומגעכאפט א שרעק פאר דער הערשאפט פונעם פראָלעטאריאט: „איך האָב שטארק מוירע פאר דער איפעשדיקײַט פון דער פראָלעטארישער הערשאפט, — האָט ער איינמאָל געזאָגט, — און כ'בין זיך מודה, אויס

שרעק בינ איכ געוואָרנ א קאָנסערוואטער"[1]. ס'איז פאַר־שטענדלעכ פארוואָס מארקס האָט, אַנערקענענדיק דעמ פּאָעט פאר א פרײַנט פונעמ פּראָלעטאריאט, דאָכ געגעבנ א שארפע אָפּשאצונג זײַנע פּאָליטישע וואקלונגענ. נאָר אַנאליזירנדיק הײנעס שאפנ אינגאנצנ גענומענ, האָבנ זיכ סײַ מארקס סײַ ענגעלס אונ סײַ די שפּעטערדיקע קרי־טיקער־מארקסיסטנ פעסט געהאלטנ בא אײנ מײנונג: אינ דער צײַט, ווענ די בורזשואזיע האָט זיכ שוינ לאַנג פונ אימ אָפּגעזאָגט אונ האלט אימ אינ אײנ פארפאָלגנ אונ זידלענ, באערט אימ דער פּראָלעטאריאט פּונקט אזוי, ווי דאָס האָט געוואָלט דער פּאָעט אלײנ—אלס דרײסטנ סאָלדאט אינעמ באפרײַונג־קאמפּ פונ דער מענטשהײַט. אונ צווישנ זײַנ ליטעראַרישער יערושע, וואָס האָט גע־האט אונ האָט נאָכ איצט אזא גרויסע ווירקונג אפ דער רעוואָליוציאָנערער ליטעראטור פונ אלע פעלקער, שטײט אפ אײנעמ פונ די ערשטע ערטער די פּאָעמע „דײַטשלאנד".

---

[1] זע „Heines Briefwechsel" פארל. Hirth, באנד II, זײַט 357.

דײַטשלאַנד

פאָרוואָרט

אָט די פּאָעמע האָב איך געשריבן הײַנטיקס יאָר, יאַנואַר כוידעש, אין פּאַריזש, און די פרײַע לופט פון דער שטאָט האָט אַרײַנגעווייט אין אײניקע סטראָפן א סאך שארפער ווי ס'האָט זיך מיר, אייגנטלעך, אַליין געגלוסט. איך האָב זיך טאקע גלײַך גענומען צו פאַרוויי־כערן און אַרויסצוּוואַרפן אַלץ, וואָס ס'האָט מיר געדאכט, אַז ס'וועט ניט אַריבערטראָגן דעם דײַטשישן קלימאט. פונדעסטוועגן, ווען איך האָב אין מאַרט כוידעש אָפּגעשיקט דעם מאַנוסקריפּט צו מײַן פאַרלעגער קיין האַמבורג, האָט מען מיר אָנגעוויזן נאָך אויף א סאך פאַרשייַדענע ערטער, וואָס רופן אַרויס ספייקעס. איך האָב זיך געמוזט ווידעראַמאָל נעמען צו דער פאַטאַלער אַרבעט פון איבערמאכן, און דאָ האָט זיכער געקאָנט געשען, אַז

די ערנסטע טענער זײַנען, מער ווי מע דארף, אָפּגע-
טעמפּט אָדער צו פּריידיק פארהילכט געוואָרן דורכ די
גלעקלעכ פונ הומאָר. פונ אייניקע נאקעטע געדאנקענ
האָב איכ אינ אײַלעניש ווידער אראָפּגעריסנ זייערע פײַגנ-
בלעטלעכ אונ דערמיט עפּשער באליידיקט עמעצנס ציר-
לעכ-מאנירלעכנ געהער. עס טוט מיר לייד. אָבער איכ
טרייסט זיכ מיטנ באוווסטזײַנ, אז גרעסערע אווטערס זײַ-
נענ שולדיק געווענ אינ אזעלכע פארברעכנס. אריסטאָפא-
נענ וויל איכ צו אזא בארעכטיקונג גאָר ניט דערמאָנענ,
ווײַל ער איז געווענ א בלינדער געצנדינער, אונ כאָטש
זײַנ פּובליקום אינ אטענ האָט באקומענ א קלאסישע
דערציִונג, האָט עס אָבער א קנאפּנ באגריפ געהאט וועגנ
מאָראל. איכ וואָלט זיכ שוינ געקאָנט בעסער פארופנ אפ
סערוואנטעסנ אונ מאָליערנ; דער ערשטער האָט געשריבנ
פארנ הויכנ אדל פונביידע קאסטיליעס, אונ דער לעצ-
טער—פארנ גרויסנ קיניג אונ פארנ גרויסנ ווערסאלער
הויפ. אכ, איכ פארגעס, אז מיר לעבנ אינ זייער א ביר-
גערלעכער צײַט, אונ איכ זע, לײדער, פאָרויס, אז פיל
טעכטער פונ געבילדעטנ שטאנד באמ שפּריי, אויב ניט
באמ אלסטער, וועלנ קנייטשנ זייערע מער-וויניקער גע-
בויגענע נעזלעכ איבער מײַנ אָרעמער פּאָעמע. מיט נאָכ
גרעסערנ ווייטעק אָבער זע איכ פאָרויס דעמ גוואלד-גע-
שריי פונ די פּאריסייער פונ דער (דײַטשישער) נאציאָ-
נאליטעט, וואָס האלטנ אונטער די אנטיפּאטיעס פונ
די רעגירונגענ, געניסנ די פולע ליבע אונ הויכע אכטונג

פון דער צעגזור און האָבן די מעגלעכקייט צו געב דעם טאָג אין דער טאָג-פּרעסע, ווען מע דאַרף אָנפאַלן אַף יענע קעגנער, וואָס זיינען אויך די קעגנער פון זייערע הויך-געשטעלטע הארן. אונדזערע הערצער זיינען באוואָפנט קעגן די אָנפאַלן פון אָט די העלדנמוטיקע לאַקייען אין שוואַרץ-רויט-גאָלדענע ליווריי. איך הער שוין זייערע ביר-שטימען:

„דו לעסטערסט אפילו אונדזערע פארבן, פארע־טער פונעם פאָטערלאַנד, פרײַנט פון די פראַנצויזן, ווע־מען דו ווילסט אָפּטרעטן דעם פרײַען ריין!"

באַרויִקט זיך. איך וועל אכטן און פארערן אײַערע פארבן, ווען זיי וועלן עס פאַרדינען, ווען זיי וועלן אויפ־הערן צו זײַן א שפּילעכל פאַר ליידאַקעס אָדער קנעכט. הייבט אויף די שוואַרץ-רויט-גאָלדענע פאָן אַף די הייכן פונעם דײַטשישן געדאַנק, מאַכט זיי פאַרן שטאַנדאַרט פון דער פרײַער מענטשהייט, און איך וועל אָפּגעבן פאַר זיי דאָס בעסטע בלוט פון מײַן הארצן. באַרויִקט זיך, כ'האָב ליב דאָס פאָטערלאַנד ניט ווייניקער ווי איר. איבער אָט דער ליבע האָב איך דרײַצן יאָר לעבן אָפּ־געלעבט אין גאָלעס און איבער דער זעלבער ליבע קער איך זיך אום צוריק אין גאָלעס עפּשער אַף שטענדיק, און דאָך קלאָג איך ניט און מאַך ניט קיין מאַרטירער־גרימאַסן.

איך בין א פרײַנט פון די פראַנצויזן, פּונקט ווי איך בין א פרײַנט פון אַלע מענטשן, ווען זיי זײַנען קלוג און גוט,

און ווײַל איך אַליין בין ניט אַזוי נאַריש און ניט אַזוי שלעכט, איך זאָל ווינטשן, אַז מײַנע דײַטשן און פראַנ-צויזן, די ביידע אויסדערוויילטע פעלקער פון דער מענטש-הײַט, זאָלן זיך צעברעכן די העלדזער צוגונסטן פון ענגלאַנד אָדער רוסלאַנד און צו שאָדן-פרייד פון אַלע יונקערס און גאַלאָכים פונעם ערדקײַלעך. זײַט רויק. איך וועל קיינמאָל ניט אָפּטרעטן דעם ריין פאַר די פראַנצויזן, כאָטש צוליב דער גאַנצ איינפאַכער סיבע: ווײַל דער ריין געהערט מיר! יאָ, ער געהערט מיר דורך דעם גע-בורט-רעכט, וואָס קיינער קאָן עס ניט אָפּנעמען. איך בין דעם פרײַען ריינס נאָך א פיל מער פרײַערער זון, בא זײַן ברעג איז געשטאַנען מײַן וויגל, און איך זע גאָרניט אײַן, פאַרוואָס דאַרף דער ריין געהערן עמעצן אַנדערש, און ניט זײַנע לאַנדסקינדער. עלזאַס און לאָ-טאַרינגען קאָן איך, עמעס, ניט אַזוי לײַכט אַרײַנרעכע-נען אין דער דײַטשישער מעלוכע, ווי איר טוט דאָס, ווײַל די מענטשן אין אָט די לענדער זײַנען פעסט צו-געבונדן צו פראַנקרײַך צוליב די רעכט, וואָס זיי האָבן געוווּנען אַדאַנק דער פראַנצויזישער מעלוכע-איבערקע-רעניש, צוליב די גלײַכהײַט-געזעצן און פרײַע אינסטיטו-ציעס, וואָס זײַנען אַזוי אָנגענעם פאַרן בירגערלעכן גע-מיט, אָבער צו קנאַפּ פאַרן מאָגן פון די ברייטע מאַסן. אגעוו, וועלן די עלזאַסער און לאָטאַרינגער ווידער צו-שטיין צו דײַטשלאַנד, ווען מיר וועלן פאַרענדיקן דאָס, וואָס די פראַנצויזן האָבן אָנגעהויבן, ווען מיר וועלן זיי

איבערשטײַגנ אינ טאט, ווי מיר האָבנ דאָס שוינ געטאָנ אינ געדאנק, ווענ מיר וועלנ זיכ אופהייבנ ביז די לעצטע אויספירנ פונ דעמ געדאנק, ווענ מיר וועלנ צעשטערנ די לאקײַשקײַט ביז איר לעצטער באהעלטעניש, ביז דעמ הימל, ווענ מיר וועלנ דעמ גאָט, וואָס ווױנט אפ דער ערד, אינעמ מענטשנ, ראטעווענ פונ זײַנ דערנידערונג, ווענ מיר וועלנ ווערנ די גאָטדערלייזערס, ווענ מיר וועלנ ווידער אופהייבנ די ווערדע פונעמ אָרעמענ, גליק־בארויבטנ פאָלק, פונעמ געלעסטערטנ געני אונ דער געשענדעטער שיינהײַט, ווי ס׳האָבנ געזאָגט אונ געזונגענ אונדזערע גרויסע מײַסטערס, אונ ווי מיר ווילנ דאָס, מיר, די יונגע. — יאָ, ניט נאָר עלזאס אונ לאָטארינגענ, נאָר גאנצ פראנקרײַכ וועט צו אונדז דאנ אריבער, גאנצ אײראָפע, די גאנצע וועלט — די גאנצע וועלט וועט ווערנ א דײַטשישע. וועגנ אָט דעמ בארופ אונ וועגנ דער אוניווערסאלער הערשאפט פונ דײַטשלאנד טרוימ איכ אָפט, ווענ איכ שפאציר אונטער די דעמבעס. אזא איז מײַנ פאטריאָטיזמ.

איכ וועל זיכ אינ נאָענטסטנ בוכ אומקערנ צו אָט דער טעמע מיט העכסטער אנטשלאָסנקײַט, ניט רעכענענדיק זיכ מיט גאָרניט, יעדנפאלס ערלעכ. די שארפסטע דערווידערונג וועל איכ אכטנ, אויב זי גייט פונ איבערצײַגונג, אפילע דער גראָבסטער פײַנטלעכקײַט וועל איכ דאנ געדולדיק מויכל זײַנ; איכ וועל אפילע ענטפערנ דער נארישקײַט, אויב זי איז נאָר ערלעכ געמיינט. אָבער מײַנ גאנצע שווײַגנדיקע פאראכטונג וועל איכ ווענדנ

קעגנ דעמ פּרינציפּלאָזנ אויסוואורפ, וואָס וועט פונ פּוס-
טער קינע אָדער אומריינער פּערזענלעכער גיפטיקײַט
פּרוּוונ דערנידעריקנ אינ דער עפנטלעכער מיינונג מײַנ
גוטנ נאָמענ אונ וועט באַנוצנ דערבײַ די מאסקע פונ
פּאטריאָטיזמ אונ אפילע פונ רעליגיע אונ מאָראל. דער
אנארכישער צושטאנד פונ דער דײַטשישער פּאָליטישער
אונ ליטעראַרישער צײַטונג-וועלט איז אינ דער הינזיכט
טיילמאָל אויסגענוצט געוואָרנ מיט אזא טאלאנט, אז איכ
האָב דאָס נאָר געקאָנט באוווּנדערנ. עמעס, שופּטערלע
איז ניט געשטאָרבנ, ער לעבט נאָכ אלצ אונ שטייט א
ריי יאָרנ אינ שפּיצ פונ א גוט אָרגאניזירטער באנדע
ליטעראַרישע רויבער, וואָס טוענ אָפ מײַסימ אינ די באָ-
העמישע וועלדער פונ אונדזער טאָג-פּרעסע, באהאלטנ זיכ
אונטער יעדער קוסט, אונטער יעדנ בלאט אונ הערנ זיכ
צו צומ שטילסטנ פײַפ פונ זייער ווירדיקנ אטאמאנ.

נאָכ איינ וואָרט. די „ווינטער-מײַסע” שטעלט מיט זיכ
פאָר דעמ שלוס פונ די „נײַע געדיכטנ”, וואָס דערשײַנענ
אצינד בא האָפמאנ אונ קאמפּע. קעדיי ארויסצולאָזנ א
באזונדער אופלאגע, האָט מײַנ פארלעגער געמוזט איבער-
געבנ די פּאָעמע אפּ א באזונדער אײַנזענ פונ דער זאָרג-
זאמ-וואכנדיקער מאכט, אונ נײַע וואריאנטנ אונ דורכלאָזנ
זײַנענ א רעזולטאט פונ אָט דער העכסטער קריטיק.

האמבורג, דעמ 17-טנ סענטיאבער 1844.

היינריכ היינע.

געזעגענונג מיט פאריזש

אדיע, פאריזש, מײַנ טײַערע שטאָט,
מיר מוזנ הײַנט זיכ שיידנ.
כ׳פארלאָז מיט פארגעניגנ דיכ,
כ׳פארלאָז דיכ פול מיט פריידנ.

דאָס דײַטשע האַרץ באַ מיר איז ברוסט
עס איז מיט ווײ פֿאַרלאָפֿן,
איין דאָקטער קאָן עס היילן בלויז,
ער וווינט אין דער היים, אפֿ צאָפֿן.

ער וועט עס היילן גיך און גוט,
מע רימט דורכויס זײַן גווורע,
נאָר כ'ציטער, ווען איך גיב אַ טראַכט
פֿון זײַנע שאַרפֿע מיקסטורעס.

אַדיע, דו ליב פֿראַנצויזן־פֿאָלק,
איר, מײַנע לוסטיקע ברידער,
מיך טרײַבט אַ נאַרישע בענקשאַפֿט פֿון אײַך,
נאָר כ'קום אינגיכן ווידער.

באַטראַכט, ביז ווײַטעק ציט עס מיך
צום טאָרפֿן־רייעך צום ליבן,
צו די שעפֿסן אפֿן לינעבורגער סטעפּ,
צו זויערן קרויט און ריבן.

נאָכ טאבעק-רייעכ זיכ פארבענקט,
נאָכ הויפּראטנ אונ נאכטישע וועכטער,
נאָכ פלאטדייטש, נאָכ שווארצברויט, נאָכ גראָבע רייד,
נאָכ די בלאָנדע פאסטאָרישע טעכטער.

איכ נאָכ מײַנ מוטער בענק איכ שטארק,
איכ וויל דאָס גאָר ניט באהאלטנ,
שוינ לאנגע דרײַצנ יאָר אוועק,
זינט כ'האָב געזענ מײַנ אלטע.

אדיע, מײַנ ווײַב, מײַנ שײנע ווײַב,
ווערסט ניט פארשטײנ מײַנ ווייטעק.
איכ דריק דיכ פעסט צום הארצנ צו,
נאָר פאָרנ מוז איכ נייטיק.

די בענקשאפט-פּײַנ, זי טרײַבט מיכ איצט
פונ מײַנע זיסטע גליקנ,
אנ אָטעמ טאָנ מיט דײַטשער לופט,
עס זאָל מיכ דאָ ניט שטיקנ.

די פּײַן, דער אַנגסט, דער ווילדער ווײ
ביז קראַמפּן מיך באַלאָדן.
עס ציטערט מײַן פֿוס פֿאַר אומגעדולד
צו באַטרעטן דעם דײַטשישן באָדן.

כ'וועל קומען ענדע יאָר צוריק,
פֿאַרגעסן פֿון מײַן קראַנקײַט.
און דאַן, מײַן ווײַב, כ'וועל קויפֿן דיר
די שענסטע נײַ־יאָר־געשאַנקען.

קאַפּיטל I

ס'איז אינן טרויעריקן כּוידעש נאָיאבּער געווען,
די טעג זײַנען טריבּער געוואָרן.
דער ווינט האָט פֿון ביימער די בלעטער געפּליקט,
ווען איך בין קיין דײַטשלאַנד געפֿאָרן.

און ווען איך בין צו דער גרענעץ צו,
האָט שטאַרקער גענומען קלאַפּן
באַ מיר אין דער ברוסט, און ס׳האָט מיר געדאַכט —
אָט הייבן אָן טרערן קאַפּען.

און ווען כ׳האָב די דײַטשע שפּראַך דערהערט,
דערפילט כ׳האָב אַ ווײ אַ זיסן,
אַזוי ווי עס וואָלט פון מײַן האַרצן דאָס בלוט
גענומען אָנגענעם פליסן...

אַ מיידעלע האָט געשפּילט אַף אַ האַרף,
געזונגען מיט עכטע געפילן,
איר שטים האָט געפעלשט, אָבער איך בין שטאַרק
גערירט געווען פון איר שפּילן.

געזונגען פון ליבע און ליבע־ווײ,
פון שיידונג און טרעפן זיך ווידער
דאָרט אויבן, אין יענער בעסערער וועלט,
וואָס ווייסט ניט די ליידן פון נידער.

געזונגענ פונ ערדישנ יאָמער-טאָל,
פונ פריידנ, וואָס גיכ צערינענ,
פונ יענער וועלט, ווו אייביקנ גליק
וועט אונדזער נעשאָמע געפינענ.

געזונגענ די אלטע אָפּזאָג-ליד,
די הימלשע וויגליד די פוילע,
מיט וועלכער מע שלעפּערט איַינ, ווענ עס וויינט,
דאָס פאָלק, דעמ גרויסנ גוילעמ.

איכ קענ דעמ נוסעכ, איכ קענ דעמ טעקסט,
איכ קענ אויכ די פארפאסער,
איכ וויס—זיי טרינקענ שטילערהייט וויַינ
אונ פריידיקנ עפּנטלעכ וואסער.

א נײַע ליד, א בעסערע ליד, —
אָ, פריַינט, — איכ וויל פאר איַיכ שאפנ, —
מיר ווילנ דאָס הימלשע קיניגרײַכ
אָט דאָ אפ דער ערד זיכ פארשאפנ.

מיר ווילן אַפּ ערדן גליקלעך זײַן,
פון הונגער מער ניט וויסן,
און דאָס, וואָס ס'דערווערבן פלײַסיקע הענט,
זאָל דער פוילער בויך ניט געניסן.

עס וואַקסט דאָ אונטן ברויט גענוג
פאַר אַלע מענטשנס וועגן,
איך רויזן און מירטן, שײנקײַט און לוסט,
און צוקער־אַרבעס ווײט קלעקן.

יאָ, צוקער־אַרבעס פאַר יעדן ווײט זײַן,
ווי נאָר ער וועט פּאַרטיק ווערן.
דעם הימל לאָזן מיר איבער אַצינד
פאַר מאַלאָכים און פאַר די שפּערן.

און קריגן מיר פליגל נאָכן טויט,
איז וואַרט אַפּ אונדז אויבן דאָרטן,
מיר וועלן קומען און עסן מיט אײַך
די פײַנסטע קוכנס און טאָרטן.

א נײַע ליד, א בעסערע ליד,
פון פידלען און פלייטן — א ניגן,
פארבײַ די „מיזערערע“ איז,
דער קווורע-גלאָק איז אנשוויגן.

די קאלע — אייראָפּע — איז פארקנאסט
מיטן שיינעם געני פון פרײַהײַט.
זיי ליגן ארומגענומענע אצינד
אין ערשטן קוש צעפֿײַערט.

און כאָטש קיין גאלעך האָט זיי נישט געבענטשט,
איז די כאסענע גילטיק אצינדער.
לאנג לעבן כאָסן־קאלע, אײַך
און אײַערע קינפטיקע קינדער!

און זאָל מײַן נײַע, בעסערע ליד
א כאסענע-הימן ווערן,
בא מיר אין הארצן גייען איצט אוף
פון היילקײַט העכסטער די שטערן.

באגײַסטערטע שטערן, זײ פֿלאַקערן װילד,
װי פֿלאַמיקע טײַכן זײ פֿליסן.
איך פֿיל זיך איצטער װוּנדערלעך שטאַרק,
כ'װאָלט דעמבעס אַרױסגעריסן.

זינט כ'האָב באַטראָטן די דײַטשישע ערד,
שטראָמט צױבער-זאַפֿט דורך מײַנע גלידער,
דער ריז האָט װידער די מוטער באַרירט,
און ס'װאַקסט די קראַפֿט זײַנע װידער.

קאפיטל II

ביזוואנענ דאָס מיידעלע האָט אפ איר הארפ
אינ הימלשע טרעלנ געפיבערט,
האָט די פרײַסישע גרענעצ-וואכ
אינ מײַנ טשעמאָדאנ זיכ געגריבלט.

אַרומגעשמעקט און באַטאַפּט אַלצדינג,
די העמדער, די הויזן, די טיכלעך,
בריליאַנטן בײַ מיר און שפּיצן געזוכט
און אויך פאַרבאָטענע ביכלעך.

איר שויטים, וואָס זוכט איר אין מײַן טשעמאָדאַן,
אין אַלע שפּאַרונעס און שפּאַלטן? —
די קאָנטראַבאַנדע, וואָס כ׳פיר מיט זיך,
האָב איך אין קאָפּ באַהאַלטן.

דאָ האָב איך שפּיצן, — ווי קומען צו זיי
די שפּיצן פון בריסעל און מעכעלן?
און וועל איך אַמאָל נאָך אַרויסנעמען זיי,
וועט עס אײַך בײַסן און שטעכן.

איך טײַערע דימענטן טראָג איך אין קאָפּ,
דער צוקונפטס קרוינ־בריליאַנטן,
די טעמפּל־צירונג פונעם נײַעם גאָט,
פונעם גרויסן אומבאַקאַנטן.

און כ'טראָג אויך ביכער אינ קאָפּ א סאַך,
איך קאָנ אײַך זאָגנ אפּ זיכער,
מײַנ קאָפּ איז א רווישיקער פויגל-נעסט
פונ פארבאָטענע ביכער.

גלייבט מיר, אינ סאָטנס ביבליאָטעק
קאָנ גאָר קיינ ערגערס ניט געבנ,
זיי זײַנענ געפערלעכער נאָך געוויס
פונ האָפּמאַנ פאָנ-פאלערסלעבענ.

א שאָכנ מײַנער — א פּאַסאַזשיר,
גיט מיר דערווײַל צו וויסנ,
אז דאָ איז דער פּרײַסישער צאָל-פאריינ,
די גרענעצ-קייט די געוויסע.

„דער צאָל-פאריינ — האָט ער דערבײַ באמערקט, —
וועט אונדזער פאָלק באגרינדנ.
ער וועט דאָס צעשפּליטערטע פאָטערלאנד
אינ ייינעמ צוזאמענבינדנ.

„ער גיט די אויסערלעכע איינהייט אונדז,
די מאטעריעלע, אזוי צו זאָגן.
און די אידעאלע, די איינהייט פון גייסט,
אדאנק דער צענזור מיר פארמאָגן.

„זי גיט די אינערלעכע איינהייט אונדז,
די איינהייט פון זין און פון מיינונג,
א פאריייניקט דייטשלאנד באדארפן מיר
פון אויסן און אינעווייניק".

קאפּיטל III

אין אאכען אין אלטן קלויסטער ליגט
קארל דער גרויסער באהאלטן,
ניט מישט אים מיט קארל מײַער צונויפ,—
דער לעבט אין שוואבן, דער אלטער.

אין קלויסטער צו ליגן באגראָבן און טויט
כ'וואָלט אפילע אלס קייסער ניט וועלן.
אין שטוקערט צו לעבן אלס מינדסטער פּאָעט
איז מיר שוין בעסער געפעלן.

אין אאכען נודען זיך אף דער גאס
אפילע די הינט, און זיי קלאָגן:
— גיב אונדז, פרעמדער, א שטויס מיטן פוס,
ס'וועט עפשער דעם אומעט פאַריאָגן.

איך האָב דאָרט ארומגעשלייאָנדערט א שאָ,
אין דער נודנער נעסט געווען דאָרט,
געזען דאָס פרייסישע מיליטער —
עס האָט זיך ניט שטארק געענדערט.

די זעלבע גרויע שינעלן ווי פריער,
מיט די הויכע רויטע קעלנער.
„דאָס רויטע באטייט פראנצויזן־בלוט" —
געזונגען אמאָל האָט קערנער.

דאָס זעלבע האָלציק־פּעראַנטישע פֿאָלק,
גראָדווינקלדיקע און שטײַפֿע —
אין יעדער באַוועגונג און אין געזיכט —
די אײַנגעפּרווירענע גײַווע.

אַף שטאָלצן שפּאַנען זיי שטענדיק אַרום,
די קעפּ, ווי ליכט פֿאַריסן,
אַזוי ווי זיי וואָלטן פֿאַרשלונגען דעם שטאָק,
מיט וועלכן מע האָט זיי געשמיסן.

יאָ, ס'האָט דער שטעקן נאָך אויך זיך פֿאַרהיט,
אינווייניק איז ער פֿאַראַנען,
און ס'קאָן נאָך די האַרציקע ווענדונג „דו"
דעם אַמאָליקן „ער" דערמאַנען.

די לאַנגע וואָנצעס — ס'איז, אייגנטלעך, אויך
די זעלבע צעפּ וואָס געוועזן,
פֿריִער זײַנען זיי הינטן געהאַנגען, און איצט
הענגען זיי אונטער די נעזער.

עס איז מיר געפעלן דער נײַער קאָסטיום
פון די רײַטער, איך מוז אים דאָ לויבן,
באזונדערס די פּיקלהויב, אָט דער העלם
מיטן שטאָלענעם שפּיץ פון אויבן.

דאָס איז אזוי ריטערלעך און דערמאָנט
די צײַט פון דער ליבער ראָמאַנטיק,
די בירגערן יאָהאַנא פאָן־מאָנפּאָקאָן,
די באראָנען פוקע, אולאַנד, טיק.

ס'דערמאָנט דאָס מיטלאַלטערטום,
די שקלאַפן און פּאזשן באַרימטע,
וואָס האָבן די טרײַשאַפט געטראָגן אין הארץ,
און די הערבן אף זייער הינטן.

די קרייץ־צוגן, די טורנירן ס'דערמאָנט,
די ליבע־געזאַנגען, געבעטן.
די צײַט, ווען ס'איז נאָך קיין דרוק ניט געווען,
און ניט געווען קיין גאַזעטן.

יאָ, יאָ, דער העלם — ער געפעלט מיר, ער ווײַזט,
אז דער אלערהעכסטער איז וויציק.
א קיניגלעכער אײַנפאל געוויס,
עס פעלט ניט די שארף און ס'איז שפּיציק.

כ'האָב מוירע נאָר, דער געוויטער קומט אָן,
וועלן גרינג אָט די זעלבע שפּיצן
אראָפּציִען אף אײַער ראָמאנטישן קאָפּ
דעם הימלס מאָדערנסטע בליצן.

און טרעפט זיך א קריג, וועט איר מוזן דאן
פיל לײַכטערע היטלען קויפן,
דער מיטלאלטערלעכער שווערער העלם
פארשווערקן קאָן אײַך דאָס לויפן — — —

אין אאכענער פּאָסטהויז האָב איך באנײַס
געטראָפן דעם העסלעכן פויגל,
דעם קייסערלעך-פּרײַסישן אָדלער. אף מיר
האָט ער גיפטיק געצילט מיט די אויגן.

א שוואַרצע געפֿליגלטע זשאַבע — מיעס,
זי ניט אַריבערצוטראָגן,
איך פֿיל, ווי ס׳קערט זיך פֿון עקל בא מיר
איבער דאָס עסן אין מאָגן.

— דו העסלעכער פֿויגל, ווען דו אַמאָל
אין מײַנע הענט זיך פּאַקן,
וועל איך די פֿעדערן אויסצופּן דיר
און די נעגל דיר אָפּהאַקן.

די נאַקעטע טשוטשעלע הייב איך דאַן אויף
אַף אַ דראָנג א הויכן און פֿעסטן, —
איר, ריינישע שיסער, קומט דאַן אַהער
אין שיסערײַ זיך פֿאַרמעסטן.

און ווער עס שיסט דעם פֿויגל אַראָפּ,
וועט די קרוין און דעם סצעפּטער האָבן.
נאָר גלײַך בא דער טליע דער שינדער זאָל
די טויטע נעווײַלע באַגראָבן.

קאפיטל IV

געקומענ אינ קעלנ כ'בינ אָוונט-צײַט, שפעט.
דאָ הער איכ דעמ ריינ שוינ רוישנ,
דאָ פאָכט שוינ אפ מיר מיט דײַטשישער לופט,
דערפילט כ'האָב איר אײַנפלוס איר גרויסנ — — —

אף מײַן אפעטיט. כ'האָב איבערגעכאפּט
אַן אײערקוכן מיט שינקע,
נאָר װײַל ס'איז זײער געזאלצן געװען,
געמוזט כ'האָב מיט רײן־װײַן פארטרינקען.

דער רײן־װײַן גלאנצט נאָך אלץ װי גאָלד
אין די גרינע רוימישע גלעזער,
נאָר גיט מען אן איבעריק ביסל א זופּ,
גיט ער א פּיק אין די נעזער.

ער פּיקט אין דער נאָז און ער צופּט אזוי זיס,
מע קאָן זיך אָן אופהער קװיקן,
עס טרײַבט מיך ארויס אין דער דעמער־נאכט
אף די הילכיקע גאסן און בריקן.

די שטײנערנע הײַזער קוקן מיך אָן,
װי זײ װאָלטן דערצײלן מיר װעלן
לעגענדעס פון אלט־פארגאנגענער צײַט,
געשיכטעס פון הײליקן קעלן.

יאָ, דאָ האָבן די גאַלאָכים אמאָל
זייער פרומע שפּיל געטריבן,
דאָ האָבן געהערשט די פינצטערע לײַט,
ס'האָט זיי אולריך פאָן־הוטען באשריבן.

דעם מיטלאַלטערלעכן קאנקאַן
האָבן מאָנאכן און מאָנאשקעס געטאנצט דאָ.
דאָ האָט האָכסטראטען, דער מענצעל פון קעלן,
געשריבן מעסירעס פארסאמטע.

דער פלאם פון די שײַטערהויפנס האָט דאָ
ביכער און מענטשן פארשלונגען,
מע האָט געזעצט אין די גלעקער דערבײַ
און „האַלעלויע” געזונגען.

ס'האָט טיפשעס און בייזקײַט געהוליעט דאָ,
ווי הינט אף די פרײַע פלעצער,
די אייניקלעך קאָן מען דערקענען נאָך איצט
נאָך זייער יידן-העצע.

נאָר זע: א קאָלאָסאַלע געביי
אין לעוואָנע-שײַן טרעט ארויס דאָרט,
זי הייבט זיך שווארץ ווי א שעד ארוף —
דאָס איז דאָך דער קעלנער קלויסטער.

געזאָלט די גײַסט-באַסטיליע זײַן,
געמיינט האָט דער רוימער דער כיטרער:
אין דער ריזן-טפיסע וועט ווערן פארשמאכט
דער דײַטשער פארשטאנד א געשמידטער.

נאָר דאָ איז געקומען ליוטער און האָט
מיט זײַן גרויסן „ווארט צו!” זיך געווענדעט.
און ס'איז דער קלויסטער פון יענעם טאָג
געבליבן ניט פארענדיקט.

מ'האָט אים ניט פארענדיקט—און דאָס איז גוט,
ווײַל דאָס ניט פארענדיקן זיכער
מאכט אים פאר א דענקמאָל פון דײַטשלאנדס קראפט
און פון פראָטעסטאנטישער שליכעס.

איר, אָרעמע שעלמעס פון קלויסטער־פארבאנד,
מיט שוואכע הענט איר פארמעסט אײַך
פאָרזעצן דאָס ניט דערבויטע ווערק,
פארענדיקן די אלטע פעסטונג.

א נארישער טרוים! אומזיסט און אומנישט
וועט איר מיט דער פושקע קלינגען,
און בעטלען באם אפיקוירעס, באם ייִד, —
דאָס זײַנען פוסטע באמיִונגען.

עס וועט אומזיסט דער גרויסער פראנץ ליסט
דעם קלויסטער צוליב קאָנצערטירן,
און א טאלאנטפולער קיניג וועט
אומזיסט און אומנישט דעקלאמירן.

דער קעלנער קלויסטער וועט ניט ווערן דערבויט,
כאָטש ס'האָבן די שוואבישע טיפשים
פאר זײַן געבײַ שוין געהאט געשיקט
א שיף מיט שטיינער, א היפשע.

ער'ט ניט ווערן דערבויט, מעגן מאכן א גוואלד
די ראָבן און סאָוועס די אלטע,
וואָס האלטן פון אלטערטום און אָט דאָ
אין די קלויסטער־טורעמס זיך האלטן.

יאָ, עס וועט נאָך קומען די צײַט,
ווען אָנשטאָט מיט דער בויונג זיך פאָרען
וועט מען מאכן שטאלן פאר פערד
אין די אינערלעכע כאדאָרים.

„נאָר אויב ס'וועט דער קלויסטער ווערן א שטאל,
וואָס וועלן מיר טאָן אָט דאמאָלס
מיט די הייליקע דרײַ קיניגס, וואָס רוען דאָ
אין די פארבאָרגנסטע קאמערס?"

אזוי וועט מען פרעגן, נאָר וואָס איז איצט
איבערצוטראכטן פאראן דאָרט?
די הייליקע דרײַ קיניגס פון מיזרעך־לאנד
קאָנען ליגן ווו אנדערש.

פאָלגט מייַנ אייצע, אונ לייגט זיי אריַינ
אינ די אייַזערנע שטייַגנ, ווייסט איר,
וואָס הענגענ הויכ אינ מינסטערער טורעמ
פונ סאנ־לאמבערטיס קלויסטער.

אונ וועט פארפאלנ גיינ ווער פונ די דרייַ,
איז נעמט אנ אנדער מענטשנ,
פארבייַט דעמ קיניג פונ מיזרעכ-לאנד
אפ איינעמ א מייַרעוו-לענדישנ.

קאַפּיטל V

און ווען איך בין צו דער ריין־בריק צו —
באַם האפֿן ער הייבט זיך אָנעט,
דערזע איך, ווי ס'שטראָמט דער פּאָטער ריין,
אין שטילער שײַן פֿון לעוואָנע.

— זײַ מיר געגריסט, מײַן פֿאָטער רײנ,
ווי איז עס דיר געגאנגען?
איך האָב אזוי אָפּט פֿון דיר געטראכט
מיט בענקשאפט און מיט פֿארלאנגען.

אָט דאָס נאָר געזאָגט, און פֿון וואסער-טיף
כ'האָב קלאָג-טענער מאָדנע פֿארנומען,
א הוסטעניש פֿון אן אלטן מאן,
א שוואכן זיפֿץ און א ברומען.

— „א גרוס דיר, מײַן זון, עס איז מיר ליב,
וואָס דו האָסט מיך ניט פֿארגעסן.
איך האָב דיך שוין דרײַצן יאָר ניט געזען,
עס איז מיר דאָ שלעכט געוועזן.

„אין ביבעריך האָב איך געשלונגען שטיינ,
ס'איז עמעס, עס קאָן פֿון זיי שווער זײַן,
דאָך ליגן שווערער אין מאָגן בא מיר
ניקלאָס בעקערס פֿערזן.

„ער האָט מיך באַזונגען, ווי איך זאָל זײַן
ביז איצט נאָך א מיידל א ריינע,
וואָס האָט פון ערע אירער דעם קראַנץ
ניט געלאָזט אוועקרויבן קיינעם.

„ווען איך דערהער נאָר די נאַרישע ליד,
מיר גלוסט זיך פאר צאָרן שפּרינגען,
ארויסרײַסן זיך די ווײַסע באָרד
און אין זיך אליין זיך דערטרינקען.

„אוואָסער מיידל? — עס וויסן דאָך גוט
די פּראַנצויזן, אז דאָס איז א שפּאַס נאָר.
זיי האָבן מײַן וואסער ניט איין מאָל געמישט
מיט זייער זיגער-וואסער.

„א נאַרישע ליד און א נאַרישער יאַט,
צו שפּאָט מיך געמאַכט, דער טיפּעש.
ער האָט דאָך מיך אין א געוויסער מאָס
קאָמפּראָמעטירט אויך פּאָליטיש.

„וויַל קומענ איצט די פראנצויזנ צוריק,
וועל איכ רויט פאר בושע ווערנ.
איכ, וואָס איכ האָב געבעטנ בא גאָט,
זיי זאָלנ צוריק זיכ קערנ.

„איכ האָב זיי דאָכ שטענדיק ליב געהאט,
די ליבע קליינע פראנצויזלעכ.
צי זינגענ זיי נאָכ אונ צי שפרינגענ זיי נאָכ?
צי טראָגנ זיי נאָכ וויַסע הויזלעכ?

„איכ וואָלט זיי ווידער גערנ געזענ,
נאָר כ'ציטער פאר זייער לאכנ.
אלצ איבער אָט דער פארשאָלטענער ליד,
זיי וועלנ צו שפּאָט מיכ מאכנ.

„אונ אלפרעד דע-מיוסע — דער גאסניונג,
וועט מעגלעכ אלס פייַקלער קומענ,
אונ גייענדיק פאָרנט וועט ער דערבייַ
זייַנע מיִעסע וויצנ מיר ברומענ".

אזוי האָט געקלאָגט זיך דער פּאָטער ריינ
מיט אופגערירטע געפילן.
און איך האָב א וואָרט פון טרייסט אים געזאָגט,
דאָס הארצ געפּרוווט אים שטילן:

— אָ, שרעק זיך ניט, מײַנ פּאָטער ריינ,
פּארג שפּאָט און שפּאס פון פראנצויזן.
זיי זײַנענ מער ניט די, וואָס אמאָל,
זיי טראָגנ שוינ אנדערע הויזנ.

די הויזנ — רויט, ניט ווײַס ווי אמאָל,
מיט אנדערע קנעפּ אפילע,
זיי זינגענ ניט מער, זיי טאנצנ ניט מער;
געבויגנ די קעפּ די שטילע.

זיי פילאָסאָפירנ און ריידנ אצינד
פון קאנט, פון פיכטע, פון העגעל,
זיי רייכערנ טאבעק, זיי טרינקענ ביר,
און אייניקע שפּילנ אינ קעגעל.

זיי ווערן פיליסטערס גאָר ווי מיר,
און מאכן עס, וויסטו, נאָך ערגער,
זיי זײַנען קיין וואָלטעריאַנער ניט מער,
זיי ווערן שוין העגנסטענבערגער.

און אַלפרעד דע-מיוסע — ס'איז עמעס, ער איז
נאָך טאקע א גאסן-ייִנגל,
נאָר האָב ניט קיין מוירע, מירן אויך אים
בינדן זײַן שפּיציק צינגל.

און וועט ער דיר פּויקן א שלעכטן וויץ,
מירן אויספּײַפן זײַן ביזויען,
מירן אויספּײַפן וועגן דעם, וואָס מיט אים
פּאסירט בא שיינע פרויען.

טאָ זײַ זשע רויִק, מײַן פּאָטער רײַן,
ניט טראַכט פון קיין שלעכטע לידער.
דו וועסט נאָך הערן א בעסערע ליד.
אַדיע, מירן זען זיך ווידער.

קאפיטל VI

ס׳האָט פּאגאניניס שטענדיק באגלייט
א ספּיריטוס פאמיליאריס,
אמאָל אלס הונט, אמאָל אין געשטאלט
פון פארשטאָרבענעם געאָרג האריס.

נאפּאָלעאָן האָט א רויטן מאנ געזעגן
פאר יעדער גרויסער פּאסירונג,
סאָקראַט האָט זײַנעם א דעמאָן געהאַט, —
דאָס איז ניט קיין שפּיל פון געהירן.

אויך איך אליין האָב באַנאַכט, באַם טיש,
באַם שרײַבן געזען ניט איין מאָל
הינטער מײַן רוקן שטיין א גאַסט,
פארשלייערט אַזוי ניט היימלעך.

אונטערן מאַנטל האָט עפּעס געשטעקט,
געבלאַנקט בא דער שײַן, געדענק איך,
ווען ס'פלעגט זיך באַווײַזן, און ס'האָט זיך געדאַכט,
א האַק מוז עס זײַן פון א הענקער.

דאָס איז געווען א געזעצטער פארשוין
מיט אויגן — ווי צוויי שטערן.
שרײַבן קיינמאָל מיר ניט געשטערט,
געשטאַנען רויִק און ערנסט.

919—6

שוין יאָרן, ווי איך האָב אים ניט געזען,
דעם יאַט, בא מײַנע שוועלן.
און פּלוצעם ווידער געטראָפן דאָ
אין דער לעוואָנע-נאכט, אין קעלן.

איך שפּאַן פארטראכט לענגויס דער גאַס,
און ווידער דערזע איך אים גיין,
אַזוי ווי מײַן שאָטן וואָלט ער געווען,
איך שטיי, בלײַבט ער אויכעט שטיין.

ער שטייט, אַזוי ווי ער ווארט אַף וואָס,
נאָר לאָז איך זיך פאָרויס-צו,
גייט ער מיר נאָך. און אָט איז דער פּלאַץ —
מיר זײַנען צו צום קלויסטער.

דאָס האָט מיר דערעסן. איך גיב זיך א קער
און זאָג אים: דערקלער אומיסטן,
וואָס גייסטו מיר נאָך אַף וועג און שטעג
אָט דאָ אין דער נאכטישער וויסטע.

איך טרעף דיך שטענדיק אין אָט דער שאָ,
ווען אין ברוסט אין מײַנער בליִען
וועלט-געפילן און ווען אין מארך
באגײַסטערטע בליצן פליִען.

דו קוקסט מיר נאָך אזוי שטאר און שארף,
איז שטיי און זאָג, וואָס פארהילסטו
דאָ אונטערן מאנטל, וואָס גלאנצט עס געהיים?
ווער ביסטו און וואָס ווילסטו?

און ער האָט דערווידערט מיט טרוקענעם טאָן,
אפילע פלעגמאטיש עטוואָס:
„איך בעט דיך, הערסטו, באשווער מיך ניט,
לאָז אָפ די פאטעטישע רעדעס.

„כ׳בין ניט פון פארגאנגענהײַט א געשפענסט,
פון יענער וועלט ניט אנטלאָפן,
איך בין קיין פרײַנט פון ריטאָריק ניט,
כ׳האלט ניט פון פילאָסאָפיע.

„איך בין א פּראַקטיקער לויט דער נאַטור
און שטענדיק שווײַגנדיק-רויִק,
נאָר וויס, וואָס דו גיסט אין מויעך א קלער,
דאָס פיר איך אויס, דאָס טו איך.

„און מעגן יאָרן אריבערגיין,
איך רו ניט, ביז איך פאַרוואַנדל
אין ווירקלעכקײַט אַלץ, וואָס דו גיסט א טראַכט,
דו דענקסט, און איך — איך האַנדל.

„דו ביסט דער ריכטער, דער אויספירער — איך.
בא דיר א געהאָרכזאַמער קנעכט בין.
כ'פיל אויס דעם אורטייל, וואָס דו טראָגסט ארויס
אפילו אַן אומגערעכטן.

„מע פלעגט פאַרן קאָנסול טראָגן א האַק
אין רוים אַמאָליקע יאָרן.
דו האָסט אויך דײַן ליקטאָר, אָבער די האַק
טראָגט מען איצט הינטן, ניט פאָרנט.

„איך בין דײַן ליכטאָר און איך גיי
באַשטענדיק מיט דער בלאַנקער
ריכטער-האַק הינטער דיר — איך בין
די טאַט פון דײַנע געדאַנקען".

קאַפּיטל VII

גערקומענע אַהיים און אָנשלאָפן גיך,
ווי ס'וואָלטן מלאָכים מיך וויגן.
ס'איז זייער ווייך אין אַ דײַטשישן בעט,
אַפּ אַ פּוכיקער איבערבעט ליגן.

ווי אָפט האָב איך דעם זיסן טאַם
פֿון היימישע קישנס דערמאַנט דאָרט,
ווען כ'בין געלעגן אַפֿן האַרטן מאַטראַץ
אין דער שלאָפֿלאָזער נאַכט פֿון וואַנדער.

עס שלאָפֿט זיך גוט און ס'טרוימט זיך גוט
אין פּוכיקן בעט אין ברייטן.
דאָ פֿילט זיך די דײַטשע נעשאָמע פֿרײַ
פֿון אַלע ערדישע קייטן.

זי פֿילט זיך פֿרײַ און זי רײַסט זיך אַרויף
צו די העכסטע הימלישע רוימען.
אָ, דײַטשע נעשאָמע, ווי שטאָלץ איז דײַן פֿלי
אין דײַנע נאַכטישע טרוימען.

עס ווערן די געטער בלייך, ווען דו קומסט,
און פֿליִענדיק אונטערוועגנס,
דו גיסט מיט אַ פֿליגל־פּאַך אַ פּוץ
אַ שטערנדל וואָס אַנטקעגן.

ס׳געהער די פראַנצויזן און רוסן די ערד,
דער יאַם געהערט די בריטן,
אָבער אין לופטיקן מאַלכעס פון טרוים —
די הערשאַפט מיר פארהיטן.

די העגעמאָניע דאָ האָבן מיר,
דאָ זײַנען מיר ניט צעשטיקלט.
די אַנדערע פעלקער האָבן זיך
אויף דער פלאַכער ערד אַנטוויקלט.

און ס׳האָט זיך מיר געכאָלעמט אין שלאָף —
איך פלאָנטע זיך ווידער אין העלן
לעוואָנע-שײַן איבער גאַסן אַרום
אין אַלטערטימלעכן קעלן.

און הינטער מיר שפּאַנט ווידער נאָך
מײַן שוואַרצער פארהילטער באַגלייטער,
איך פיל זיך מיד, מיר ברעכן די קני,
נאָר מיר גייען אַלץ ווײַטער און ווײַטער.

מיר גייען פאָרויס. מײַן האַרץ אין ברוסט,
איך פיל, איז ווי אופגעשניטן.
און ס'רינען פון ווונד, וואָס אין האַרצן בא מיר,
רויטע טראָפּנס צעגליטע.

איך האָב צומאָל די פינגער אין זיי
געטונקען און האָב די טירן
פון הײַזער, וואָס איך בין פאַרבײַגעגאַן,
מיט בלוט גענומען שמירן.

און יעדעס מאָל, ווען איך האָב אַזוי
באַצייכנט מיט בלוט די שטיבער,
האָט זיך אַ ווידע־גלעקל געהערט,
געציטערט מיט הילכן מיט טריבן.

אָט ווערט די לעוואָנע אין הימל בלאַס,
אַ כוישעך האָט אָנגעטראָגן,
און ווילדע וואָלקנס, זע איך, פאַרבײַ,
ווי שוואַרצע פערד זיך יאָגן.

און ס'איז נאָך מיר אַלץ אומגעגאַנ
דער טונקעלער באַקאַנטער
מיט דער פאַרהילטער האַק — אַזוי
האָבנ מיר לאַנג געוואַנדערט.

געגאַנגענ, ביז צולעצט באַנייס
צום קלויסטער-פּלאַצ געטראָפנ.
אינ דער ברייטער טיר אַריינגעגאַנ —
זי איז געשטאַנענ אָפנ.

געהערשט אינ גוואַלדיק-גרויסנ רוימ
האָט טויט און נאַכט און שוויַיגנ.
עס האָבנ לעמפּלעך דאָרט געברענט,
די טונקלקייט מער צו צייַגנ.

לענגויס די זאַלנ כ'בינ געגאַנ
און האָב געהערט דאָס שפּאַנענ
פונ מייַנ באַגלייטער. ער איז אַלץ
פונ מיר ניט אָפּגעשטאַנענ.

מיר קומען ענדלעך צו צום אָרט,
ווו ליכט עס פינקלען העלע,
ווו ס'בלישטשען דימענטן און גאָלד —
„דרײַ קיניגס” הייסט די קאפעלע.

די הייליקע דרײַ קיניגס, וואָס זײַנען שטיל
דאָ אָפּגעלעגן יאָרן,
א וואונדער — זיי זיצן איצטער גאָר
יעדער אף זײַן אָרט.

דרײַ טויטע געביינען, פאנטאסטיש געפוצט,
מיט קרוינען אף די קעפ דאָרט,
פארגעלטע שארבנס, האלטן זיי נאָך
אין די טרוקענע פינגער—סצעפטערס.

ווי קונצן-ליאלקעס באוועגן זיי
די לאנג פארשטאָרבענע ביינער,
וואָס שמעקן מיט דעם רייעך געמיש
פון שימל מיט ווײַרויך איניינעם.

ס׳האָט איינער באוועגט אפילו דאָס מויל
און אין א וואָרט א לאַנגן
מיר פאָרגעהאלטן, אלעמיי
ער קאָן מײַן רעספּעקט פּארלאנגען.

ערשטנס דערפאר, ווײַל ער איז שוין טויט,
און צווייטנס — ווײַל ער איז א קיניג,
און דריטנס איז ער א הייליקער. — דאָך
האָט דאָס אלץ מיך אָנגערירט ווייניק.

איך האָב אים געענטפערט מיט א לאכנדיק מויל:
— אומזיסט דײַן מי איז, חערסטו?
איך זע, אז צו דער פארגאנגענהײַט
אין אלע פּראָטימ געהערסטו.

אוועק! אוועק! דײַן ריכטיק אָרט
איז דאָרט אין טיפן גראָבן.
דאָס לעבן דארף אצינד פאר זיך
די קאפעלע־אויצרעס האָבן.

דער צוקונפטס פרײלעכע רײטער-לײט
װעלן אײַנשטײַנ דאָ אין קלױסטער,
און פאָלגט איר מיט גוטן ניט, באַנוץ איך גװאַלט,
איך װעל אײַך מיט ביקסן א לױז טאָן.

אזוי כ׳האָב געזאָגט און זיך אױסגעדרײט
צו מײַן באַגלײטער דעם שטומען,
ס׳האָט שרעקלעך געבליצט די שרעקלעכע האַק —
ער האָט מײַן װוּנק באַנומען.

און ער איז צוגעגאַנגען מיט דער האַק
צו די אָרעמע װיסטע סקעלעטן
און האָט אָן ראַכמאָנעס זײ נאָכאַנאַנד
דאָ אפן אָרט צעשמעטערט.

און יעדער קלאַפּ האָט א װידערקאָל
אונטער געװעלבן געבאָרן.
בא מיר פון ברוסט האָט א שטראָם געטאָן בלוט —
און כ׳בין פלוצעם װאַך געװאָרן.

קאַפּיטל VIII

פונ האגענ ביז קעלנ קאָסט די פּאָסט
פינפ טאָלער מיט זעקס גראָשנ.
דער דיליזשאַנס איז לײדער געװענ פאַרפולט,
אונ איכ נעמ אַנ אָפענע דראָזשקע.

שפּעט־האַרבסטיקער מאָרגן. פֿײַכט און גרוי.
אין קויט זיך קײַקלט מײַן וואָגן.
נאָר כאַטש דער וועג און דאָס וועטער איז שלעכט,
נעמט א זיסער געפֿיל מיך נאָגן.

דאָס איז זי דאָך, מײַן היימאַט־לופֿט!
די באַקן אַזש גליִען פֿאַר טײַנעג.
און אָט דער קויט פֿונעם שליאַך איז דאָך אויך
דער קויט פֿונעם פֿאָטערלאַנד מײַנעם.

עס האָבן די פֿערד מיט די ווײדלען געפּאַכט
גאָר פֿרײַנטלעך, ווי אַלטע באַקאַנטע,
און זייערע קיזיקעס זײַנען געווען,
ווי די עפּל פֿון דער אַנטאָנאַנטע.

מיר פֿאָרן דורך מילחים, די שטאָט איז פֿײַן.
די מענטשן שטיל און פֿלײַסיק.
כ'בין לעצטנס געווען דאָרט אין כוידעש מײַ
פֿונעם יאָר איינס און דרײַסיק.

ס'איז אַלצדינג דעמלט געשטאַנען אין בלי,
זיך געבאָדן אין זוניקער בלענדשײַן,
עס האָבן די פייגל געזונגען פארבענקט
און ס'האָבן געהאָפט די מענטשן.

געהאָפט: „די פרײַסן, דאָס מאָגערע פאָלק,
וועלן גיך דעם רוקן באַווײַזן,
און מ'וועט זיי דערלאַנגען צום אָפשייד א טרונק
פון לאַנגע פלעשער פון אײַזן.

ס'וועט קומען די פרײַהײַט מיט שפּיל און טאַנץ,
מיט דער פאָן דער ווײַס־בלוי־רויטער.
און עפשער פון קייווער אופהייבן גאָר
דעם באָנאַפּאַרטע, דעם טויטן!"

אַך, גאָט! די פרײַסן — זיי זײַנען נאָך דאָ,
און פיל פון אָט די נעפּאַשעס,
וואָס זײַנען געקומען דאַרע אַהער,
האָבן בײַכער זיך אָנגעפּאַשעט.

די בלאסע קאנאליעס, וואָס האָבן געשײַנט,
ווי ליבע, גלויבן און האָפן,
זײ גייען מיט רויטע נעזער ארום
פונעם ווײַן, וואָס זײ האָבן געזאָפן.

און ס'האָט זיך די פרײַהײַט א פוס אויסגעלינקט,
ניטאָ שוין דער שפרונג און דער שטורעם,
די דרײַקאָלירקע פאָן — אין פאריזש
קוקט טרויעריק אראָפּ פון די טורעמס.

דער קייסער האָט אופגעלעבט איינמאָל נאָך דעם,
נאָר די ענגלישע ווערעם האָבן
פון אים אזא שטילן מענטש געמאכט,
אז ער האָט ווידער געלאָזט זיך באגראָבן.

כ'האָב אליין די גרויסע לעווײַע געזען,
געזען דעם גאָלדענעם וואָגן,
עס האָבן די גאָלדענע געטנס פון זיג
דעם גאָלדענעם אָרן געטראָגן.

919—7

די עליזייער פעלדער פארבײַ,
דורך דעם טריומפאלן בויגן,
אזוי דורכן נעפל און איבערן שניי
האָט לאנגזאם דער צוג זיך געצויגן.

ס'האָט גרויזאם דערבײַ געפעלשט די מוזיק,
פון קעלט האָבן די מוזיקאנטן געציטערט,
און ס'האָבן די אָדלערס פון די פאָנען אראָפ
מיט שטילן ווײ מיך געוויטעט.

די מענטשן האָבן ווי גײַסטער געשוועבט,
אין אלטע זיכרוינעס פארלוירן,
פון זייער קינדהײַט דער מײַסע-טרוים
איז ווידער אזוי ווי געבוירן.

איך האָב אין יענעם טאָג געוויינט,
ס'זײַנען טרערן אין אויג מיר געקומען,
ווען כ'האָב דעם פארקלונגענעם ליבע־רוף,
דעם „וויוו ל'עמפערער" פארנומען.

קאַפּיטל IX

פון קעלן בין איך דרײַ פערטל אַף אַכט
אינדערפרי אַרויסגעפאָרן.
געקומען קיין האַנען אַקעגן דרײַ,
ס'איז מיטיק־צײַט געוואָרן.

דער טיש איז געדעקט. דאָ האָט איר נאָך גאַנץ
די אַלטגערמאַנישע קיכן —
זײַ מיר געגריסט, מײַן זויערקרויט,
עס איז מיר דײַן ריִעך ניכע.

געפּילטע קאַשטאַנען אין גרינעם קרויט,
כ'האָב געגעסן אַזוינס בײַ דער מוטער.
איר היימישע שטאָקפיש, זײַט מיר געגריסט,
איר שווימט אַזוי קלוג אין דער פּוטער.

פאַר יעטווידער פילנדיק האַרצן בלײַבט
דאָס פאָטערלאַנד אייביק טײַער.
די ברוינע הערינגלעך האָב איך ליב,
מיט אייער איז דאָס אַ מעכײַע.

עס קוועלן די ווורשטלעך אין שפּריציקן פעטס.
און די שפּילפייגעלעך, די פרומע
געבראָטענע מאַלאָכים אין עפּל־זאַפט,
זיי צוויטשערן: „ווויל צו דײַן קומען!"

„מיט מאזל, לאנדסמאנ,—צוויטשערנ זיי,—
ביסט לאנג ערגעצ אויסנ געבליבנ,
דו האָסט מיט די פרעמדע פייגל א צייַט
אינ דער פרעמד זיכ ארומגעטריבנ!“

עס איז אפנ טיש געשטאנענ א גאנדז,
א שטיל, א געמיטלעכ וועזנ.
זי האָט מיסטאמע געליבט מיכ אמאָל,
ווענ מיר זייַנענ יונגע געוועזנ.

זי קוקט אפ מיר באדייַטונג־פול,
אזוי ליב, אזוי טרייַ, אזוי צארטלעכ.
געוויס, א שיינע נעשאָמע געהאט,
נאָר איר פלייש איז א ביסל הארטלעכ.

מע האָט אויכ געבראכט א כאזערשנ קאָפּ
אינ א צינענער שיסל. זעט איר —
מע פוצט נאָכ אלץ די כאזיירים בא אונדז
דעמ פיסק מיט לאָרבער־בלעטער.

קאפיטל X

הארט הינסער האגענ געוואָרנ איז נאכט,
כ׳האָב דערפילט זיכ עפעס מעשונע,
א פרעסטל נעמט די גערעדים אדורכ,
דערוואַרעמט ערשט כ׳האָב זיכ איינ אונא.

איך האָב דאָרט געטראָפן א מיידל א שיינס,
זי האָט פונש מיר דערלאַנגט געפעליק.
די לאָקן אירע—ווי געלער זייַד,
די אויגן—ווי לעוואָנע-שייַן העלע.

דעם שפּעפעליאַוון וועסטפאַלער אקצענט
מיט פרייד כ'האָב פארנומען ווידער.
פיל זיסע זיכרוינעס געדאַמפט האָט דער פונש,
כ'האָב דערמאָנט זיך די ליבע ברידער.

די ליבע וועסטפאַלער, מיט וועלכע כ'האָב אָפט
אין געטינגען געטרונקען,
און איינס מיטן צווייטן, גערירט ביזן הארץ,
אונטער די טישן געזונקען.

איך האָב זיי שטענדיק ליב געהאט,
די גוטע וועסטפאַלער, די ליבע.
די לייַט זייַנען פעסט און זיכער, און טרייַ,
און נעמען זיך גאָר ניט איבער.

ווי פּרעכטיק זיי שטייען אפֿן דועל
מיט זייערע לייבישע הערצער,
זיי האָבן ערלעך אזוי געציילט
די קווארטן און די טערצן.

זיי פעכטעווען גוט, זיי טרינקען גוט,
און ווען פֿון שיקרעס שוין טעמפּע
מע שליסט מיט דיר פּרײַנטשאפֿט, וויינען זיי —
סענטימענטאלע דעמבעס.

באהיט דיך דער הימל, דו בראוועס פֿאָלק,
זאָל ער בענטשן דײַנע פֿעלדער.
באוואָרענע זאָל דיך פֿון קריג און פֿון רום,
פֿון העלדנטאטן און העלדן.

און זאָל ער שענקען דײַנע זין
שטענדיק א לײַכטן עקזאמען.
און דײַנע טעכטער פֿירן שיין
אונטער דער כופּע — amen.

קאפּיטל XI

אָט דאָס איז דער טעוטאָבורגער וואַלד,
וואָס טאַציט האָט אים באַשריבן,
אָט דאָס איז ער יענער קלאַסישער זומפּ,
ווּ וואַרוס איז שטעקן געבליבן.

אָט דאָ האָט אים דער כערוסקן־פירשט,
הערמאנ דער גיבער צעטראָטנ,
די דײַטשישע נאציאָנאליטעט
האָט געזיגט אינ אָט דער בלאָטע.

װענ הערמאנ געװינט ניט דעמלט די שלאכט,
מיר װאָלטנ רוימער געװאָרנ דאנ,
ניט פרײַסנ אונ קײנער װאָלט הײַנט ניט געהאט
דעם רויטנ אָדלער-אָרדענ.

אינ אונדזער פאָטערלאנד װאָלטנ געהערשט
די רוימישע שפראך אונ זיטנ.
אינ מינכענ װאָלטנ װעסטאלקעס געװענ,
די שװאבנ װאָלטנ הײסנ קװיריטנ.

א פריסטער װאָלט װערנ דאנ הענגסטענבערג,
זיך אינ אָקסנ-געדערימ גראָבנ,
נעאנדער װאָלט זיכער געװענ אנ אױגור
אונ געקוקט װי עס פליענ די ראָבנ.

בירכ-פײַפער וואָלט געזויפט שפּיגינאַר,
ווי די רוימישע דאמעס אנומלט
(מע זאָגט, אז ס׳האָט דערפון דער אורינ
געשמעקט אזוי ווי פּארפומענ).

ס׳וואָלט ראומער ניט זײַנ קיינ דײַטשישער לומפּ,
נאָר א רוימישער לומפּאציוס,
אָנ גראמענ געדיכטעט וואָלט פרייליגראט,
ווי דער פארשטאָרבענער פלאקוס האָראציוס.

דער גראָבער בעטלער, דער פּאָטער יאָנ
וואָלט איצטער געהייסנ גראָביאנוס,
Me Hercule! — מאסמאנ וואָלט ריידנ לאטײַנ,
מארקוס טוליוס מאסמאנוס.

די פרײַנט פונעם עמעס וואָלטנ אצינד
מיט לייבנ, היִענעס, שאקאלנ
זיך שלאָגנ אפ דער ארענע, און ניט
מיט הינט אינ די קליינע זשורנאלנ.

מיר װאָלטנ הײַנט אײנ נעראָנ געהאט
אונ ניט קײנ דרײַ טוצ נעראָנענ,
מיר װאָלטנ געעפנט די אָדערנ זיכ
אפצולאָכעס אלע סאָנים.

ס'װאָלט שעלינג דאנ סענעקא געװענ
אונ געענדיקט מיט די זעלבע קאָנפליקטנ.
קאָרנעליוסנ װאָלטנ מיר איצט געזאָגט:
„Cacatum non est pictum“

נאָר דאנקענ גאָט — ס'האָט הערמאנ געזיגט,
די רוימער האָט ער פארטריבנ,
ס'האָט װארוס דאָ זײַנע לעגיאָנענ געלײגט
אונ מיר זײַנענ דײַטשנ געבליבנ.

געבליבנ דײַטשנ אונ רײדנ דײַטש,
װי אונדזערע זײדעס אונ באבעס,
אונ אײזל הײסט אײזל, ניט asinus,
אונ שװאבנ בלײַבנ שװאבנ.

געבליבנ איז ראומער א דײַטשישער לומפ
אונ איז מיט אנ אָרדענ באװאָרנט,
אונ ס'דיכטעט אינ גראמענ פרײליגראט,
אונ קײנ האָראציוס ניט געװאָרנ.

ס'רעדט מאסמאנ אדײַעמ ניט קײנ לאטײַנ,
בירכ-פײַפער שרײַבט נאָר דראמעס,
אונ זױפט ניט קײנ מיִעסנ שפּיגינאר,
װי אינ רוימ די גאלאנטע דאמעס.

אָ, הערמאנ, מיר זײַנענ דיר דאנקבאר דערפאר,
אונ צוליב דײַנ פארדינסט אונ קאָװעד
מע שטעלט דיר אינ דעטמאָלד א מאָנומענט,
כ'האָב אלײנ געשענקט א נעדאָװע.

קאַפּיטל XII

אינ נאכטישנ וואלד האָט געטרייסלט זיכ שווער
מײַנ דראָזשקע. א קראכ גיט פּלוצעמ.
א ראָד איז אראָפּ. מיר בלײַבנ שטיינ,
וואָס קאָנ שוינ דאָ, אייגנטלעכ, גוט זײַנ.

אראָפּ איז דער פורמאַן און גלײַך אוועק
אין דאָרף. און איך בין דערװײַלע
געבליבן אַליין אין נאַכטישן װאַלד.
עס הערן אַרום זיך געהײַלן.

דאָס זײַנען װעלף. זיי הײַלן װילד
מיט אויסגעהונגערטע קוילעס,
זייערע אויגן אין טונקל, איך זע,
בלישטשען, אַזוי װי קוילן.

זיי האָבן געװיס פון מײַן קומען געהערט,
די בעסטיעס, און מיך צו באַערן
האָבן זיי אילומינירט דעם װאַלד
און האָבן צעזונגען זיך גערן.

אַזאַ סערענאַדע. עס איז מיר קלאָר —
די פײַערונג דאָ צוליב מיר גייט,
האָב איך זיך באַלד אין אַ פּאָזע געשטעלט
און געזאָגט מיט געמאַכטער גערירטקייט:

„מיטוועלפ מײַנע! כ'בינ גליקלעכ הײַנט
אינ אײַער סוויוועַ צו ווײַלנ,
ווו אײדלע געמיטער אזא מינ צאָל
מיט ליבע אנטקעגנ מיר הײַלנ.

„דאָס אלצ, וואָס כ'פיל אינ דעמ אויגנבליק,
איז שווער מיר אויסצודריקנ.
אכ, אָט די שײנע שאָ וועט געוויס
אפ אײביקע צײַטנ מיכ קוויקנ.

„איכ דאנק אײַכ פאר אײַער צוטרוי, וואָס איר
האָט מיכ באערט מיט אימ שטענדיק.
איר האָט דאָס אויכ אינ א שווערער צײַט
מיט טרײַע באווײַזנ באשטעטיקט.

„מיטוועלפ! איר האָט ניט געצווייפלט אינ מיר,
ניט געלאָזט זיכ פונ שעלמעס צו פאנגענ,
וואָס האָבנ דערצײלט אײַכ, אז איכ בינ גאָר
צו די הינט אריבערגעגאנגענ.

„אז איך האָב פּאַראַטנ את אז בא די פּי
א הויפּראַט איננגיכנ איך ווער דאָ.
אזעלכע זאכנ — אויך לייקענענ זיי
איז איינגאַנצנ אונטער מײַנ ווערדע.

„דער שאָפּנפּעלצ, וואָס איך פּלעג אים אמאָל
אָנטאָנ, ס'זאָל וואַרעמער ווערנ,
גלייבט מיר, ער האָט מיך נאָך ניט דערפירט
פונ שאָפעגע גליקנ צו קלערנ.

„איך בינ ניט קיינ שאָפּ, איך בינ ניט קיינ הונט,
קיינ הויפּראַט קיינ געמיינער,
כ'בינ געבליבנ א וואָלף, אונ וועלפיש איז
מײַנ הארצ אונ מײַנע ציינער.

„איך בינ א וואָלף אונ וועל אלעמאָל
מיט די וועלפ צוזאמענ ברומענ,
שטעלט אויס אפ מיר, אונ העלפט אײַך אליינ,
וועט אויך גאָט צוהילפ אײַך קומענ!"

דאָס איז די רעדע, וואָס איך האלט אָפּ,
ניט געגרייט, נאָר פול מיט באדײַטונג.
א פארקריפּלטע האָט זי אָפּגעדרוקט קאָלב
אין דער „אלגעמיינער צײַטונג“.

קאַפּיטל XIII

די זון איז אַרויס באַ פֿאַדערבאָרן.
איר אויסזען — פֿאַרדראָס און טײַנע.
עס איז בעטעמעס אַ פּאַרדריסלעכע זאַך
די נאַרישע ערד באַשײַנען.

זי האָט קוים די ערשטע זײַט באהעלט
און יאָגט זיך מיט אירע שטראַלן
באַשײַנען די צווייטע, איז ווידער שוין
די ערשטע אין שאָטן פאַרפאַלן.

עס רײַסט זיך אַראָפּ דער סיזיפֿן-שטיין
און אָנפֿילן איז ניט לײַכטער
די דאַנאַידן-פאַס. און אומזיסט
פּרוּווט די זון דעם ערדקויל באַלײַכטן — —

און ווען ס׳איז פֿרימאָרגן-נעפּל אַוועק,
דערזען כ׳האָב באַם וועג אַ הוילן,
אין שײַן פֿון באַגינען, יענעם מאַן,
וואָס איז צוגעשלאָגן צום זיילעם.

עס פֿילט מיש ווייטעק מיך אַלעמאָל אָן
דײַן אָנבליק, מײַן אָרעמער פעטער,
דו, וואָס געוואָלט האָסט דערלייזן די וועלט,
דו נאַר, דו מענטשהײַט-רעטער.

זיי זײַנען זיך מיִעס באַגאַנגען מיט דיר,
די אויבערלײַט די פאַרפלוכטע.
ווי האָסטו געקאָנט אַזוי אומבאַטראַכט
ריידן פונ קלויסטער און מעלוכע.

צום אומגליק צו דײַנעם איז די בוך-דרוקערײַ
נאָך ניט געוועזן דעמאָלט
דערפונדן, דו וואָלסט געשריבן אַ בוך
וועגן די הימל־פּראָבלעמען.

דער צענזאָר וואָלט אַרויסגעמעקט דאָרט
דאָס אַלץ, וואָס עס פּאַסט ניט, פאַרשטייט זיך,
און ס'וואָלט ליבהאַרציק דיך די צענזור
פּאַרהיט פון ווערן געקרייציקט.

אַך, וואָלסטו נאָר אַן אַנדער טעקסט
פאַר דײַן באַרג-נעוויע גענומען!
מיט דײַן פאַרשטאַנד און מיט דײַן טאַלאַנט,
ווען דו שאַנעוועסט נאָר די פרומע!

נאָר דו האָסט דעם כאַלפנ און דעם באַנקיר
פונעם טעמפל געטריבנ מיט בײַטשנ.
אומגליקלעכער טרוימער, דו הענגסט אפנ קרייצ,
אלס וואָרענענדיקער בײַשפיל.

קאַפּיטל XIV

א פײַכטער ווינט, און הויל איז ארום,
ס'גייט די דראָזשקע אין בלאָטע סאַמע.
דאָך זינגט עס און קלינגט עס אין מײַן געמיט:
„אָ, זון, די קלאָגער אין פלאַמען".

דאָס איז דער שלוס־פּערז פון אַן אַלטער ליד,
וואָס ס'האָט זי מײַן אַמ געזונגען,—
„אָ, זון, דו קלאָגער אינ פלאמען" — דאָס האָט
ווי א רוף פון האַרץ געקלונגען.

די ליד האָט וועגן א מערדער דערצײלט,
וואָס האָט ניט געוווסט קײן טרויער,
מע האָט אים ענדלעך געפונען אין וואלד
געהאנגען אַז א ווערבע א גרויער.

דעם מערדערס אורטײל איז דאָ געווען
צוגעקלאפּט צו די שטאמען,
דאָס האָבן די נעקאָמע-נעמער געטאָן,—
אָ, זון, דו קלאָגער אין פלאמען.

די זון האָט פארקלאָגט אים און זי האָט געווירקט,
דער אורטײל זאָל זײַן אזא מין.
געשריִען אָטיליע האָט פארן טויט:
„אָ, זון, דו קלאָגער אין פלאמען!"

דערמאָנ איכ די ליד זיכ, דערמאָנ איכ זיכ אויכ
מײַנ אמ, די אלטע אונ ליבע,
אונ ווידער זע איכ איר ברוינ געזיכט
מיט רונצלענ אונ קנייטשנ צעגריבלט.

געבוירנ איז זי אינ מינסטער קאנט
אונ האָט געקענט, געדענק איכ,
געשפּענסטער-געשיכטעס אונ מײַסעס א סאכ,
אונ פאָלקסלידער גאָר א מענגע. —

ס'פלעגט קלאפּנ דאָס הארצ מיר, ווענ זי האָט דערציילט
פונ דעמ קיניגס טאָכטער, די אלטע,
ווי איינזאמ אפ דער לאָנקע זי זיצט
מיט די גאָלדענע האָר, די צעשטראלטע.

זי האָט דאָרט היטנ געמוזט די גענדז,
אונ אָוונט-צײַט, ווענ דורכנ טויער
זי האָט זיי צוריק געטריבנ אהיימ,
פלעגט זי בלײַבנ שטיינ פארטרויערט.

ווײַל איבערן טויער פֿלעגט זי דערזען
אַ פֿערדישן קאָפּ צוגעשלאָגן.
דאָס איז דאָך דער קאָפּ פֿונעם אָרעמען פֿערד,
וואָס האָט אין דער פֿרעמד זי פֿאַרטראָגן.

דעם קיניגס טאָכטער זיפֿצט דאָרט טיף:
„אָ, פֿאַלאַדאַ, ווײ פֿאַר דײַן הענגען!“
דער פֿערדישער קאָפּ אַראָפּ־צו רופֿט:
„אָ, ווײ מיר, פֿאַר דײַן בענקען!“

דעם קיניגס טאָכטער זיפֿצט דאָרט טיף:
„ווען דאָס זאָל מײַן מאַמע וויסן!“
דער פֿערדישער קאָפּ אַראָפּ־צו רופֿט:
„איר האַרץ וואָלט זיך צעריסן“.

איך האָב מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם געהערט,
ווי ערנסטער, שטילער און הייסער
זי פֿלעגט דערציילן פֿון דער רויטער באָרד,
פֿון אונדזער געהיימען קייסער.

זי האָט מיכ פאַרזיכערט, אז ער איז ניט טויט,
ווי די געלערנטע מיינענ —
ער זיצט באהאלטנ אינ איינעמ א בארג
מיט זײַנע כאיאָלעס אינאיינעמ.

קיפהײַזער רופט דער בארג זיכ אָנ,
אונ א הייל איז דאָרט דאָ א פארשטעלטע —
דאָרט ברענענ אייל־לאָמפנ געהיימניספול
אינ די זאלנ די הויכגעוועלבטע.

א פערדשטאל איז ער, דער ערשטער זאל,
אונ דאָרטנ, בא קאָרעטעס לאנגע,
שטייענ פיל טויזנטער פערד געשפאנט,
באדעקטע מיט פאנצערס מיט בלאנקע.

זיי זײַנענ געזאָטלט אונ זײַנענ געצוימט,
נאָר קיינער פונ זיי בייט־מײַסע
גיט ניט קיינ הירזשע, קיינ קלאפ מיט א טלאָ —
שטיל, ווי געגאָסנ פונ אײַזנ.

אין צווייטן זאַל, דאָרט אפֿן שטרוי,
זעט מען סאָלדאַטן ליגן —
פֿיל טויזנטער סאָלדאַטן, בערדיקע לײַט,
מיט פֿענעמער פֿעסטע פֿון קריגער.

זיי זײַנען אַלע פֿון קאָפּ ביז די פֿיס
אָנגעגורט און באוואָפֿנט,
נאָר ס'גיט זיך קיין איינער פֿון זיי ניט קיין ריר —
זיי ליגן פֿעסט און שלאָפֿן.

אין דריטן זאַל איז פֿול ביז אַרויף
מיט שווערדן, מיט העק און מיט שפּיזן,
מיט פּאַנצערס און העלמען פֿון זילבער און שטאָל,
מיט אַלטפֿרענקיש געווער צום שיסן.

קאַנאָנען איז ווייניק, דאָס איז אַ טראָפּיי
פֿאַרנומען אין שלאַכט אין האַרבן,
הויך איבער זיי צעשפּרייט איז אַ פֿאָן
מיט שוואַרץ-רויט-גאָלדענע פֿאַרבן.

דער קייסער וויגט אינעם פערטן זאל,
ער זיצט דאָרט שוין הונדערטער יאָרן
אַף אַ שטיינערנעם שטול, באַם שטיינערנעם טיש,
געבויגן דעם קאָפּ אַף די אָרעמס.

זײַן באָרד איז צעוואַקסן ביז צו דער ערד
און איז רויט ווי פֿײַער-פֿלאַמען,
ער גיט נאָר זעלטן אַן עפֿן אַן אויג
און ציט די ברעמען צוזאַמען.

צי שלאָפֿט ער אַזוי, צי איז ער פֿאַרטראַכט,
דאָס קאָן מען גענוי ניט וויסן,
נאָר ווען ס'וועט קומען די עכטע שאָ,
וועט ער זיך פֿון אָרט אַ ריס טאָן.

ער וועט אַ כאַפּ טאָן די גוטע פֿאָן.
— אַף די פֿערד! אַף די פֿערד! — אַ באַפֿעל טאָן,
און ס'וועלן די רײַטער דערוואַכן באַלד,
מיט ראַש אַף די פֿיס זיך אַ שטעל טאָן.

אָט איז שוין יעדער ארופֿ אפֿ זײַן פֿערד,
וואָס הירזשעט און קלאַפּט מיט די טלאָען,
זיי רײַטן ארויס אין דער הילכיקער וועלט,
און ס'רופֿן טרומייטן און דראָען.

זיי רײַטן גוט און שלאָגן זיך גוט,
זיי זײַנען זיך אויסגעשלאָפֿן,
דער קייסער וועט האלטן א שטרענגן געריכט,
ער וועט די מערדער באשטראָפֿן.

די מערדער, וואָס האָבן דערהארגעט אמאָל
די טײַערסטע שיינהײַט סאמע —
די גאָלדגעלאָקטע גערמאניא —
אָ, זון, דו קלאָגער אין פֿלאמען!

די מערדער, וואָס האָבן פֿארעטעריש
געטויט די דײַטשישע פֿרײַהײַט,
די ליבע צום פֿאָטערלאנד אונדז פֿארסאמט
און אלץ, וואָס געווען איז אונדז טײַער.

און דער, וואָס האָט זיך באהאלטן געמיינט,
וואָס האָט אין זיין שלאָס זיך פארשלאָסן,
ער וועט ניט אוועק פונעם שטראָפיקן שלייף,
פונעם צאָרן פון בארבאראָסאן! — —

ווי ליבלעך זיי קלינגען, ווי אָנגענעם־זיס
די מייסעס פון אלטע אמען.
און ס׳קוועלט מיין אָבערגלוביק הארץ:
„אָ, זון, דו קלאָגער אין פלאמען!״

קאַפּיטל XV

אַ אײַזקאַלטער רעגן מאַראַקעט אַראָפּ,
ער שטעכט, ווי מיט נאָדל-שפּיצן.
און טרויעריק פּאָכען די פערד מיטן עק,
זיי קריכן אײַן קוים און זיי שוויצן.

אינ האָרנדל זײַנעמ דער פּורמאנ בלאָזט.
איכ קאָנ אָט דאָס לידל, דאָס אלטע:
„עס רײַטנ דרײַ רײַטער צומ טויער ארויס”.
נאָר כ׳קאָנ שוינ דעמ קאָפּ ניט האלטנ.

עס שלעפּערט מיכ, אונ אָט שלאָפּ איכ אײַנ
אונ ס׳כאָלעמט זיכ מיר אינ וואקל,
אז איכ געפֿינ זיכ אינעמ וווּנדערבארג,
באמ קייסער רויטבאָרד טאקע.

ער איז ניט געזעסנ אפֿנ שטיינערנעמ שטול
באמ שטיינערנעמ טיש, דער מײלעכ,
אונ האָט ניט אויסגעזענ ווירדיק אזוי,
ווי מע שטעלט זיכ אימ פֿאָר געווײנלעכ.

ער האָט זיכ מיט מיר איבער זאלנ געשלעפּט,
אינ א הארציקנ שמועס זיכ געלאָזנ.
באוויזנ מיר ווי אנ אנטיקוואר
זײַנע אויצרעס די קוריאָזע.

919—9

אין וואָפן-זאַל האָט ער מיר דערקלערט
וויאַזוי א ביקס צו האַלטן,
פון אייניקע שווערדן האָט ער דעם ראָסט
אָפּגעווישט מיט די פאַלדן.

גענומען א פּאווע־פעכער אין האַנט
און רייניקן אָנגעהויבן
פון אייניקע פּאַנצערס און העלמען דעם שטויב
און אויך פון פּיקלהויבן.

א טרייסל געגעבן די פּאָן זײַנע אויך
און געזאָגט: „מײַן גרעסטער שטאָלץ הײַנט,
וואָס ס'האָט נאָך קיין מילב ניט צעפרעסן דאָס זײַד,
און ס'עסט אויך קיין וואָרעם דאָס האָלץ ניט".

און ווען מיר זײַנען אַרײַן אין זאַל,
ווו שלאָפנדיקע ליגן
פיל טויזנטער קריגער, גרייטע צום קאַמף,
האָט דער אַלטער געזאָגט מיט פאַרגעניגן:

„דאָ מוזן מיר שטילער ריידן און גיין,
זאָלן זיי שלאָפן, זאָלן —
אוועק זיינען ווידער הונדערט יאָר,
און היינט דארף מען סכירעס צאָלן".

און ס'איז דער קייסער צוגעגאנגען שטיל
צו די שלאָפנדיקע סאָלדאטן
און האָט אין די טאשן אריינגערוקט
יעדן צו איינע דוקאטן.

און געזאָגט מיט א שמייכלדיקן געזיכט,
זעענדיק ווי איך בין פארוואונדערט:
— „איך צאָל א מענטשן צו איין דוקאט
געצאָלט פאר יעדן יאָרהונדערט".

אין זאַל ווו ס'זיינען געשטאנען די פערד
אין לאנגע שווייגיקע רייען,
האָט זיך דער קייסער געריבן די הענט
און גאָר זיך גענומען פרייען.

געציילט די קליאטשעס א קאָפּ נאָך א קאָפּ,
געקלאַפּט זיי איבער די ריפּן.
געציילט און געציילט און מיט אנגסטלעכן האסט
האָט ער באַוועגט זײַנע ליפּן.

„דאָס איז נאָך ניט די רעכטע צאָל, —
זאָגט ער צולעצט פאַרדריסלעך, —
סאָלדאַטן און וואָפן האָב איך גענוג,
נאָר פערד נאָך פעלן א ביסל.

„איך האָב ליפעראַנטן אַרויסגעשיקט
אויף גאָר דער וועלט, זאָלן קויפן
פון מײַנטוועגן די בעסטע פערד;
איך האָב שוין א פײַנעם הויפן.

„און ווען נאָר ווערן פול דער קאָמפּלעקט,
איך וועל דאַן אַרויס און באַפרײַען
מײַן פאָטערלאַנד, מײַן דײַטשיש פאָלק,
וואָס וואַרט אויף מיר טרײַ אדײַעם".

אזוי האָט דער קייסער געזאָגט, אָבער איך
האָב צעשריִען זיך: „אלטער, גיכער!
טרעט גיכער ארויס, און פעלן דיר פערד,
קריגסטו דאָך אייזלען זיכער".

ס'האָט רויטבאָרד דערווידערט דערוף און געלאכט:
„צו איילן אין שלאכט איז ניטאָ וואָס!
מע האָט אויך רוים אין איין טאָג ניט געבויט,
עס דויערט, ס'איז ניט קיין קאטאָוועס.

„ווער ס'קומט ניט היינט, קומט מאָרגן געוויס,
פאמעלעכן וואקסן ביימער.
און Chi va piano, va sano — געדענק
דאָס ווערטל פון אמאָליקע רוימער".

קאפיטל XVI

א שטויס פונ דער דראָזשקע וועקט פּלוצעמ מיכ אופּ,
נאָר וויִעס קלעפּנ זיכ מידע
ווידער צונויפּ, איכ שלאָפּ באַנײַס
אונ כאָלעמ פונ רויטבאָרד ווידער.

און ווידער מיר שמועסן און שפּאַנען אַרום
דורך אַלע הילכיקע זאַלן,
ער פרעגט מיך פון דעם און פון יענעם, ער וויל,
איך זאָל אים דערציילן פון אַלעם.

ער האָט פון הי, פון דער אויבערוועלט,
שוין וויפל יאָרן לאַנגע,
זינט דעם זיבן־יאָריקן קריג,
קיין מענטשנס וואָרט ניט געפאַנגען.

ער פרעגט וועגן מאָזעס מענדעלסאָן,
וועגן קאַרשין — און האָט אינטערעס אויך
צו פרעגן וועגן דער גרעפין דיובאַרי,
דעם פּופּצנטן לודוויגס מעטרעסע.

— אָ, קייסער, ווי אָפּגעשטאַנען ביסטו,
ס'איז מאָזעס פון לאַנג שוין געשטאָרבן,
ער ליגט לעם רעוועקען, און אויך אבראַם,
דער זון, איז געשטאָרבן, פאַרדאָרבן.

דערצויגן אבֿראַם האָט מיט לייען אַ זון,
אַ יינגעלע, פעליקס הייסט ער,
ער איז אין קריסטנטום ווײַט אוועק,
און איז שוין אַ קאַפּעלמייסטער.

די אַלטע קאַרשין איז אויך שוין טויט,
און קלענקע — איר טאָכטער דערנעבן,
העלמינע טשעזי — דאָס אייניקל אירס —
אָט די מוז נאָך, דאַכט זיך, לעבן.

און דיובאַרי — האָט לוסטיק געלעבט,
אין דער צײַט פון לודוויגס רעגירן
(דעם פּופּצנטנס מיין איך) — שוין אַלט געווען
ביים גיליאָטינירן.

דער קיניג לודוויג דער פופצנטער איז
געשטאָרבן באַ זיך אין בעט נאָך.
דעם זעכצנטן האָט מען גיליאָטינירט
מיט דער קיניגן אַנטואַנעטע.

די קיניגן האָט באַוויזן גרויס מוט,
ווי ס'פּאַסט אַן איידלער נעשאָמע,
און דיובאַרי, ווען מ'האָט גיליאָטינירט,
האָט שטאַרק געוויינט און געיאָמערט. — — —

דער קייסער איז פּלוצעם געבליבן שטיין,
גענומען מיט אויגן צו פּירן:
„אום גאָטעס ווילן,—זאָגט ער,— דערקלער,
וואָס הייסט דאָס גיליאָטינירן?“

— גיליאָטינירן — האָב איך אים דערקלערט, —
ס'א מעטאָד אַ נײַער פאַראַן דאָרט,
מיט וועלכן מע מאַכט פון לעבעדיק טויט
מענטשן פון אַלערליי שטאַנדן.

באַ אָט דעם מעטאָד באַנוצט מען זיך
מיט איינער אַ נײַער מאַשינע,
וואָס ס'האָט זי דערפונדן הער גיליאָטען —
מע רופט זי דערפאַר גיליאָטינע.

מע בינדט דיך צו צו אזא מין ברעט,
וואָס צווישן צוויי הויכע סטויפּן
לאָזט זי זיך שנעל אראָפּ, עס הענגט
א דרייַעקיקע האק פון אויבן.

און גיט מען א צי דעם שנור, פליט אראָפּ
די האק אזוי פרייליך און מונטער,
בא דער געלעגנהייַט פאלט דייַן קאָפּ
גלייַך אין א זאק ארונטער.

דאָ פאלט מיר דער קייסער אַרייַן אין די רייד:
„ניט רייד וועגן דער מאשינע,
איך וויל זי ניט וויסן, גאָט באוואָר,
איך זאָל זיך מיט איר באדינען.

„דער קיניג מיט דער קיניגן! וואָס?
געבונדן צו א ברעטל!
דאָס איז דאָך קעגן יעדן רעספּעקט
און קעגן די עטיקעטן.

„און ווער ביסטו, וואָס האָסט זיך דערהערט
מיך ווי א דײַניקן דוצן?
ווארט צו נאָר, ווארט, איך וועל נאָך דיר
א קירץ טאָן די פליגל, צוציק.

עס קאָכט אין מיר אינעווייניק די גאַל,
ווען איך הער דײַנע רייד די פרעכע,
דײַן אָטעם אליין איז שוין א פאראט
און א מאיעסטעט־פארברעכן!"

אז ס'איז דער אלטער ארײַן אין קאס
און האָט מיר גענומען דערלאנגען,
האָב איך שוין אײַנהאלטן מער ניט געקאָנט
מײַנע געהיימסטע געדאנקען.

האָב איך זיך צעשריִען: — הער רויטע באָרד,
ביסט א העלד פון א מײַסע אן אלטער,
גיי לייג זיך שלאָפן, מיר וועלן אָן דיר
קריגן די פרײַהײַט, האלט איך.

די רעפּובליקאַנער וואָלטן געלאַכט,
זעענדיק, ווי אין אונדזער שפּיץ גייט
אַזאַ געשפּענסט מיט רויט און מיט קרוין —
זיי וואָלטן זיך בייז געוויצלט.

ס'געפעלט מיר אויך ניט די פּאַן דײַנע מער,
עס זײַנען מיר נימעס צום שטאַרבן
נאָך פון די סטודענטישע יאָרן אָן
די שוואַרץ-רויט-גאָלדענע פאַרבן.

דאָס בעסטע וואָלט זײַן, זאָלסט בלײַבן אין דער היים,
אין קיפהײַזער, אין דײַן נאָרע,
באַטראַכט איך די זאַך ווי געהעריק איז,
באַדאַרפן מיר ניט קיין קייסאָרים.

קאַפּיטל XVII

איך האָב זיך אַזוי מיטן קייסער געקריגט,
אין כאָלעם, אין כאָלעם, פֿאַרשטייט זיך,
אין וואַכיקן צושטאַנד וואָגן מיר ניט
צו ריידן אַזוי מיט אַ קייסער.

אינ כאָלעמ, אינ אידעאלנ בלויז
דערוועגט זיכ דער דײַטש צו זאָגנ
די דײַטשישע מיינונג, וואָס ער האָט טיפ
אינ טרײַענ הארצנ געטראָגנ.

ווענ איכ האָב דערוואכט, בינ איכ בא א וואלד
פארבײַ, אונ דער אויסזענ פונביימער,
די נאקעטע הילצערנעווירקלעכקײַט
האָט צעטריבנ מײַנע כאלוימעס.

עס האָבנ די דעמבעס געשאָקלט די קעפּ,
בעריאָזעס — די צווײַגנ געטרייסלט
אונ ערנסט געוואָרנט,—אונ איכ האָב געזאָגט:
— פארגיב מיר, מײַנ טײַערער קייסער.

פארגיב מיר, אָ, רויטבאָרד, דאָס שארפע וואָרט,
ביסט קליגער פונ מיר, דאָס ווייס איכ.
איכ האָב אָבער אזוי ווייניק געדולד,
איז קומ זשע טייקעפּ, מײַנ קייסער.

געפעלט דיר די גיליאָטינע ניט,
איז בלייַב בא דייַנ אלטנ מיטל:
באנוצ די שווערד פאר די אדל־לייַט,
אונ פאר בירגער אונ פויער — דאָס שטריקל.

נאָר טרעט ווענ אָפּ פונעם מינהעג אונ הייס
די אדל־לייַט הענגענ, די רייַכע,
אונ בירגער אונ פויערים קעפּנ אמאָל, —
בא גאָט זייַנענ אלע גלייַכע.

שטעל ווידער אופ דעם פייַנ־געריכט,
ווי ס'האָט קארל דער פינפטער גערעכנט,
אונ טייל פאנאנדער באנייַס דאָס פאָלק
אפ גילדיעס, שטאנדנ אונ צעכנ.

דאָס אלטע הייליק־אימפּערישע רוימ
שטעל אופעט איצטער באנייַס עס,
קער אומ אונדז די פארשימלטע שמאָכטעס צוריק
מיט אלע פוסטע מייַסעס.

דעמ מיטלאלטער — אזא צי אזא,
דעמ עכטנ, ווי ער איז געווענ,
איכ נעמ אימ אָנ, באפרײַ אונדז נאָר
פונעמ צוויי-געשלעכטלעכנ וועזנ,

פונ יענעמ קאמאשנ-ריטערטומ,
דעמ עקלהאפט אויסגעמישטנ
פונ גאָטישער דולקײַט אונ נײַ ליגנערײַ,
וואָס איז ניט קיינ פלייש אונ קיינ פיש ניט.

פארטרײַב אָט די קאָמעדיאנטנ אפגיכ
אונ פארמאכ די שוישפיל-הײַזער,
ווו ס'ווערט פאראָדירט די אלטע צײַט, —
אָ, גיכער, קייסער, באווײַז זיכ!

קאַפּיטל XVIII

מינדענ — דאָס איז א פעסטונג אזא,
באוואָרנט מיט ווענט אונ מיט וואלנ!
מיט פרײַסישע פעסטונגענ האָבנ צו טאָנ
בינ איך גאָר ניט קײנ באלנ.

געקומען אהינצו אָוונט־צײַט,
די הענג-בריק מיר זײַנען אריבער,
און ס'האָבן די ברעטער גרויליק געקרעכצט,
געשראָקן — די טונקעלע גריבער.

עס האָבן די טורעמס געקוקט אַף מיר,
דראָענדיק און פֿאַרדראָסיק.
עס האָט זיך דער טויער געעפֿנט מיט ראַש
און ווידער מיט ראַש זיך פֿאַרשלאָסן.

אַך! האָט עס מיר די נעשאָמע פֿאַרקלעמט,
ווי אָדיסייען דעמאָלט,
ווען ער האָט געהערט, ווי די לאָך אין הייל
פֿאַרוקט מיט אַ שטיין פּאָליפֿעם האָט.

צום פּורל איז צוגעגאַן אַ קאַפּראַל.
ווי חייס איך, וויל ער וויסן.
„קיינער" — הייס איך, בין אַן אויגן-כירורג,
נעם בעלמעס אַראָפּ באַ ריזן.

אין איינפאָרהויז האָב איך שלעכט זיך געפילט,
ניט אָנגעגאנג איז מיר דאָס עסן.
זיך שלאָפן געלייגט, נאָר עס נעמט ניט קיין שלאָף,
די שווערע קאָלדרעס מיך פרעסן.

געלעגן בין איך אין א ברייטער בעט,
פון רויטן דאמאסט—גארדינען,
א באלדאכין פון געבליאקעוועט גאָלד
מיט א שמוציקן קוטעס א דינעם.

א פארשאָלטענער קוטעס! די גאנצע נאכט
האָט ער מיך אלץ געשראָקן,
געהאנגען דראָענדיק איבער מיין קאָפ,
אזוי ווי די שווערד פון דאמאָקל.

אָט זעט ער אויס, ווי א קאָפ פון א שלאנג,
זיין צישען איך הער זיין געהיימען:
„דו ביסט און דו בלייבסט אין דער פעסטונג איצט,
דו וועסט ניט אנטלויפן קיינמאָל“.

אָ, ווי וואָלט איך וועלן, האָב איך געזיפצט,
איצטער אהיים זיך קערן,
און זײַן מיט מײַן ליבער פרוי אין פאריזש,
אין Faubourg Poissoniér!

און איבער מײַן שטערן, האָב איך געפילט,
איז עפעס מיר דורכגעגאנגען
אזוי ווי א קאלטע צענזאָר־האנט—
און ס'זײַנען אוועק די געדאנקען.

זשאנדארמען אין ווײַסע טאכריכים געהילט,
ווי ווײַסע געשפענסטער, רינגלען
ארום מײַן בעט, און מײַן אויער פארנעמט,
ווי קייטן אומהיימלעך קלינגען.

אך! די געשפענסטער מיך האָבן געכאפט,
און ווען זיי זײַנען פארשוואונדן,
האָב איך דערזען — צו א שארפן פעלדז
בין איך צוגעבונדן.

דעם שמוציקן קוטעס פון בעט־באלדאכין
דערזען האָב איך ווידער זיך וויגן,
נאָר איצט זעט ער אויס, ווי א שפּאַרבער שוין
מיט נעגל און שוואַרצע פליגל.

ער זעט ווי דער פּרייסישער אָדלער אויס,
אין לייב מײַנעם אײַנגעקלאַמערט,
ער פרעסט מיר דעם לעבער פון אונטער דער ברוסט,
איך האָב זיך צעקרעכצט און צעיאָמערט.

געיאָמערט כ'האָב לאַנג — ביז געקרייט האָט דער האָן,
און אוועק איז דער כאָלעם־פיבער.
איך ליג אין מינדען, א פאַרשוויצטער אין בעט,
און דער אָדלער איז א קוטעס ווידער.

כ'בין אוועק פון דאָרט מיט דער עקסטרע־פּאָסט,
און פרײַער געטאָן אַן אָטעם,
ווען כ'בין שוין אַרויס אף דער פרײַער נאַטור,
אפן בוקעבורגער באָדן.

קאפיטל XIX

אָ, דאנטאָנ, דו האָסט א טאָעס געהאט
אונ באצאָלט פארנ טאָעס גרויליק—
מיטנעמענ קאָנ מענ דאָס פאָטערלאנד
אפ די פיס אונ אפ די זוילנ.

דאָס האַלבע פירשטנטום בוקעבורג
איז מיר אַפ די שטיוול געבליבן,
אַזעלכע ליימיקע וועגן האָב איך
ניט געזען קיינמאָל אין לעבן.

אין בוקעבורג בין איך אַראָפּ אין שטאָט
אַ קוק טאָן דעם שלאָס פון מײַן שטאַם דאָרט,
עס איז מײַן זיידע געבוירן אָט דאָ,
די באָבע שטאַמט פון האַמבורג.

געקומען קיין האַנאָווער מיטיק־צײַט,
געלאָזט זיך די שטיוול פוצן,
און טייקעף אַוועק צו באַקוקן די שטאָט—
אַ רײַזע דאַרף ברענגען נוצן.

מײַן גאָט! ווי אַלצדינג זעט זויבער אויס,
קיין סימען פון קויט אַפ די גאַסן.
און פּראַכט־געבײַדעס דאָרט האָב איך געזען,
גאָר אימפּאָזאַנטע — אַ מאַסע.

באזונדערס איז מיר געפעלן דער פּלאַץ
מיט מעלוכישע הײַזער געגאַרטלט.
עס װױנט דאָרט דער קיניג, דער פּאַלאַץ דאָרט שטײט,
אויסערלעך איז ער גרויסאַרטיק

(דער פּאַלאַץ, פאַרשטײט זיך). פאַרן פּאָרטאַל —
װאַכשטיבלעך שטײען פון פאָרנט,
רויטע מונדירן דאָרט האַלטן די װאַך,
זײ זעען אויס װילד און צאָרניק.

מײַן טשיטשעראָנע האָט מיר געזאָגט:
„ס'װױנט דאָ ערנעסט-אויגוסטוס, אַן אַלטער
הויכטאָרישער לאָרד, אַן אַדלמאַן,
כאָטש אַלט, נאָר פעסט זיך האַלט ער.

„אידיליש און זיכער לעבט ער זיך דאָ,
װײַל מער װי זײַן היטער־באַנדע
באַשיצט אים דאָך דער מאַנגל אין מוט
בײַ אונדזערע ליבע באַקאַנטע.

„איך זע אים אמאָל און ער קלאָגט זיך אַלץ,
אַז ס'איז אים דער אַמט זײַנער מיִעס באַלד,
דער קיניג־אַמט, וואָס צוליב אים איז ער
אין האַנאָווער זײַן פאַרמישפּעט.

„צום גרויסבריטאַנישן לעבן געווינט,
ער פילט זיך אַלץ ענגער און ענגער.
אים מאַטערט דער ספּלין, ער ציטערט גאָר,
ער זאָל זיך אַמאָל ניט הענגען.

„איך האָב אים אײַנעכטן אינדערפרי
געטראָפן באַם אויוון פאַרכמאַרעט —
ער האָט פאַר זײַנע קראַנקע הינט
אַליין אַ קאַנע געוואַרעמט".

קאפּיטל XX

פֿונ הארבורג בינ איכ געפֿאָרנ א שאָ
קיינ האמבורג. ס'האָט אָוונט געניקערט,
די שטערנ אינ הימל מיכ האָבנ באגריסט,
א ווינטל געבלאָזנ האָט לינדער.

עס האָט זיך די מאַמע דערשראָקן פאַר פרייד,
ווען איך בין אַריַינגעקומען.
זי האָט אויסגעשריִען: „מיַין טיַיער קינד!"
מיט די הענט מיך אַרומגענומען.

„מיַין טיַיער קינד, שוין דריַיצן יאָר,
ווי דו ביסט אין דער היים ניט געוועזן,
דו מוזט אַוואַדע הונגעריק זיַין,—
זאָג מיר, וואָס ווילסטו עסן?

„איך האָב אַ פיש אַ געזונטלייש
און זעלטענע מאַראַנצן".
— איז גיב מיר פיש און געזונטלייש
און זעלטענע מאַראַנצן.

כ'האָב עסן גענומען מיט גרויס אַפעטיט,
די מאַמע געזעסן איז נעבן,
אַ גליקלעכע האָט זי מיך אויסגעפרעגט,
אַלץ האַרבע פראַגעס פאַרגעבן:

„מײַן טײַער קינד, ווי לעבט זיך דיר,
צי זאָרגט ווער פאר דיר אין דער פרעמד דאָרט?
צי איז זי א באַלעבאָסטע דײַן פרוי?
צי פאריכט זי די זאָקן, די העמדער?"

— די פיש זײַנען גוט, ליבע מאמעניו,
דאָך מוז מען זיי עסן אָן ווערטער.
עס קאָן זיך נאָך שטעלן א ביינדל אין האלדז,
איז בעסער אצינד ניט געשטערט מיר.

כ'האָב אופגעגעסן די ווילדע פיש,
און ס'האָט זיך די גאנדז באוויזן,
און ווידער האָט זיך די מאמע דערפרעגט,
געוואָלט זיך געניי דערוויסן:

„מײַן טײַער קינד, אין וואָסער לאנד
האלטסטו איז בעסער צו לעבן,
דאָ, צי אין פראנקרײַך? און וואָסער פאָלק
וועסטו דעם פאָרצוג געבן?"

— די דײַטשישע גאנדז איז, מאמעניו, גוט,
נאָר ס׳זײַנען פראנצויזן בעריאקעס,
זיי שטאָפּן די גענדז פיל בעסער ווי מיר,
און ס׳איז זייער סאָוס געשמאקער.

און ווען ס׳איז ניט געוואָרן די גאנדז,
האָבן זיך באוויזן די מאראנצן.
זיי זײַנען געווען זייער באטאמט,
כ׳האָב זיך ניט געריכט אינגאנצן.

די מאמע האָט ווידער ניט אופגעהערט
מיט פראגעס מיך צו פארווארפן,
פון טויזנטער זאכן געפרעגט, און דעריבער —
פון זאכן זייער שארפע.

„מײַן טײַער קינד! ווי דענקסטו איצט,
צי ביסטו נאָך אלץ פארדײַנעט
מיט פּאָליטיק? צו וועלכער פארטיי
געהערסטו לויט דער איבערצײַגונג?"

— די מאַראַנצן זײַנען, מאַמעניו, גוט,
און מיט עמעסן פֿאַרגעניגן
שלינג איך פֿון זיי דעם זיסן זאַפֿט,
און די שאָלעכצן לאָז איך ליגן.

קאָפּיטל XXI

די שטאָט, אנ אָפּגעברענטע אפּ העלפּט,
ווערט זייער פאמעלעכ דערבויעט,
ווי א פודל[1] אָפּגעשוירנ ביז האלב,
זעט האמבורג אויס פּארטרויערט.

---

1 א מינ הונט.

אַ היפּשע צאָל גאַסן פּעלן מיר אויס
פון די, וואָס אין הארצן געבליבן,
ווו איז דאָס הויז, ווו איך האָב געקושט
מיט די ערשטע קושן פון ליבע?

ווו איז די דרוק, ווו איך האָב געדרוקט
מײַנע „רײַזע־בילדער",
ווו איז דער קעלער, ווו איך האָב צוערשט
דעם טאַם פון אויסטערס דערפילט דאָרט.

ווו איז דער וואַל, דער קויטיקער וואַל?
אומזיסט שוין וועל איך אים זוכן.
ווו איז אָט דער פּאַוויליאָן, ווו איך
האָב געגעסן אַזויפיל קוכן?

ווו איז דער ראַטהויז, ווו ס'האָט דער סענאַט
פון די שטאָט־באַלעבאַטים געהערשט דאָרט?
פאַרניכטעט אין פײַער, עס האָט דער פלאַם
ניט געשוינט די הייליקסטע ערטער.

עס זיפצן די מענטשן נאָך איצט פון אנגסט,
און מיט פארזאָרגטע געזיכטער
דערציילן זיי מיר פונעם גרויסן בראנד
די שרעקלעכע געשיכטע:

„ס'האָט פון אלע עקן געברענט מיטאמאָל,
ס'האָט רויך און פייער געשטורעמט,
עס האָבן געפלאקערט און מיט א קראך
געפאלן די קלויסטער־טורעמס.

„די אלטע בירזשע האָט אָפגעברענט,
דאָרט האָבן די טאטעס געהאנדלט,
און איינס מיטן צווייטן יאָרהונדערטער־לאנג
ווי ווייט מעגלעך ערלעך געהאנדלט.

„די באנק נאָר, די זילבערנע נעשאָמע פון שטאָט,
און די ביכער, וווּ ס'איז פארשריבן
יעטווידן מענטשנס באנקישע ווערט,
איז דאנקען גאָט אונדז געבליבן!

„יאָ, דאַנקען גאָט, מע זאַמלט פֿאַר אונדז
נעדאָוועס פֿונוואַנען מע קאָן נאָר,
ס'איז גוט געשעפֿט — די זאַמלונג האָט שוין
געגעבן באַ אַכט מיליאָנען.

„מיט די הילף־געלטער האָבן געהאַט צו טאָן
די עמעסע קריסטן, די פֿרומע,
עס האָט ניט געוווּסט די לינקע האַנט,
וויפֿל ס'האָט די רעכטע גענומען.

„פֿון אַלע לענדער איז געפֿלאָסן דאָס געלט
אין אונדזערע אָפֿענע דלאָניעס,
ניט אָפּגעזאָגט זיך פֿון פּראָדוקטן אויך
און פֿון קיינע שום מאַטאָנעס.

„מ'האָט קליידער און בעטן געשיקט אונדז גענוג,
און ברויט און פֿלייש צום דערקוויקן,
דער קיניג פֿון פּרײַסן האָט אַפֿילע געוואָלט
אונדז זײַנע סאָלדאַטן שיקן.

„ס'איז דער מאטעריעלער שאָדן געדעקט,
דאָס איז פון די גרינגע זאכן,
נו, אָבער דער פּאכעד, דער גרויל און די שרעק,
ווער קאָן עס דעקן דעם פּאכעד!“

איך האָב זיי געמונטערט: — איר ליבע לײַט,
איר דארפט ניט זײַן דערצאָרנט,
טראָיע איז געווען א בעסערע שטאָט
און איז אויך פארברענט געוואָרן.

בויט ווידער אײַערע הײַזער אוף,
און אײַערע קאליזשעס טריקנט,
און שאפט אײַך בעסערע געזעצן אײַן,
און פײַער־קישקעס דעריקער.

טוט ניט אריַין קיין פעפער צופיל
אין אײַערע שילדקרעט-זופּן,
אויך אײַערע קארפּן איז ניט געזונט
צו קאָכן זיי מיט די שופּן.

די אינדיקעס שאטנ ניט איבעריק איַיך,
היט זיך נאָר פאר די געגנג די פארשײַטסטע
פונ פויגל, וואָס האָט געלייגט אנ איי
אינ פאריק פונעמ בירגערמײַסטער. —

ווער דער פאטאלער פויגל איז —
דאָס דארפ איך איַיך גאָר ניט זאָגנ, —
ווי נאָר איך דערמאָנ זיך אימ, קערט זיך בא מיר
דאָס עסנ איבער אינ מאָגנ.

קאַפּיטל XXII

עס האָבן די מענטשן נאָך מער ווי די שטאָט
זיך געביטן. מיט פּענעמער גרינגע
זיי גייען באַטריבט און געבראָכן אַרום —
וואַנדלענדיקע רוינען.

די מאָגערע זײַנען נאָכ דינער איצט,
די פעטע נאָכ פעטער, קײַנאָרע.
די קינדער — אלט, אונ די אלטע לײַט —
צומיינסטנ — קינדיש געוואָרנ.

אונ די, וואָס איכ האָב אלס קעלבער געלאָזט,
זײַנען געוואָרנ שוינ אָקסנ.
אונ ניט איינ גענדזל איז געוואָרנ א גאנדז,
מיט שטאָלצנ געפעדער באוואָקסנ.

די אלטע גודל איז באפארבט אונ באפוצט,
אנ עכטע סירענע, די זקיינע,
האָט שווארצע לאָקנ זיכ אײַנגעשאפט,
אונ בלענדנדיק ווײַסע ציינער.

אמבעסטנ האָט זיכ עס קאָנסערווירט
מײַנ פרײַנט, דער פאפיר-פארקויפער,
מיט געלע האָר איז פארוואָקסנ זײַנ קאָפ,
מאמעש יויכענענ-טויפער.

אונ *** האָב איכ נאָר פֿונוויַיטנס געזענ,
ער איז דורכ פֿארבײַ, ווי א וויכער,
מע זאָגט, ס'איז זײַנ גײַסט מיטנ פֿײַער אוועק,
נאָר ער איז בא ביבערנ פֿארזיכערט.

איכ האָב אויכ מײַנ אלטנ צענזאָר געזענ,
עס האָט דאנ א נעפֿל געשפרייט זיכ,
ווענ כ'האָב אימ באגעגנט אפֿנ גענדזנמארק
אינדרײַענ געבויגנ די פֿלייצע.

מיר האָבנ געדריקט זיכ די הענט, אונ א טרער
איז געפֿלאָסנ פֿונ אויג בא יענעמ.
ער האָט זיכ דערפֿרייט, וואָס ער האָט מיכ דערזענ,
ס'איז געווענ א רירנדע סצענע.

כ'האָב געפֿונענ ניט אלע. פֿיל האָבנ שוינ
מיטנ ערדישנ זיכ געזעגנט.
אכ! מײַנ גומפֿעלינאָ — אויכ אימ
האָב איכ שוינ מער ניט באגעגנט.

דער גרויסער מענטש איז דאָ אַט ערשט
אַוועקגעגאַנגען פֿון לעבן,
ער מוז אַלס פֿאַרקלערטער סאָראָפּ איצט
באַם טראָן פֿון יעהאָוועס שוועבן.

איך האָב אויך אומזיסט געזוכט אומעטום
דעם קרומען אַדאָניס, וועלכער
האָט שאָלן און נאַכט־טעפּ פֿון פּאָרצעלײַ
פֿאַרקויפֿט אין גאַס פֿון אַ שטעלכל.

צי לעבט נאָך דער קליינער מײַער אַצינד,
דאָס וועל איך ניט זאָגן בעסער.
איך האָב באַ קאָרנעטן וועגן אים
אַ פֿרעג טאָן געוואָלט, און פֿאַרגעסן.

סאַראַס, דער טרײַער פּודל, איז טויט.
אַ גרויסער פֿאַרלוסט! כ׳קאָן קאַווירן,
אַז קאַמפּע וואָלט ליבער אַ גאַנצן שאָק
מיט שריפֿטשטעלער וועלן פֿאַרלירן...

די האמבורגער מעלוכע איז, ווי באַוווסט,
באַזעצט, זינט מענטשן געדענקען,
מיט ייִדן און קריסטן, נאָר ביידע גלײַך
זײַנען קליינע באַלאָנים אפּ שענקען.

די קריסטן זײַנען ווויל און גוט,
און האָבן ליב אַן עס טאָן.
און זייערע וועקסלען באַצאָלן זיי רעכט
נאָך פאַרן לעצטן פּראָטעסט-טאָג.

די ייִדן, ווידער, טיילן זיך אויך
אפּ פאַרשיידענע צוויי פּאַרטייען,
די אַלטע גייען אין סינאַגאָג,
די נײַע אין טעמפּל גייען.

די נײַע עסן כאַזער-פלייש
און גיבן אויך פרײַער אַ רעד זיך,
מ'איז דעמאָקראַטן; די אַלטע לײַט
זײַנען מערער אַריסטאָקרעציק.

כ'האָב ליב די אַלטע, די נײַע כ'האָב ליב,
דאָך שווער איך באַם אײבּיקן גאָט אײַך —
כ'האָב פּישלעך געוויסע נאָך מערער ליב —
איך מײַנע געדיכטערטע שפּראַטלעך.

קאַפּיטל XXIII

ס'קאָן האַמבורג, אַלס רעפּובליק, מיט פלאָרענץ
צי ווענעציע זיך ניט מעסטן.
נאָר האַמבורג האָט בעסערע אויסטערס, איר קריגט
אין לאָרענצעס קעלער די בעסטע.

געווען איז א שיינער אָוונט, ווען איך
בין אוועק אהינצו מיט קאמפּען,
מיר האָבן בא ריינ־וויַין און אויסטערס געוואָלט
צוזאמען א קאפּל פּלאפּלען.

א פײַנע געזעלשאפט געטראָפן כ'האָב דאָרט,
מיט פרייד כ'האָב געזען ווידער
פיל אלטע כאוויירים, אשטייגער שאָפּעפּיע,
אויך אייניקע נײַע ברידער.

געווען איז דאָ ווילע, וואָס זײַן געזיכט
איז ווי אן אלבאָם, ווו ראפּירן
פון זײַנע אקאדעמישע פרײַנט
לאָזן זיך דײַטלעך שפּירן.

געווען איז אויך פוקס, דער בלינדער הײַד
און פערזענלעכער סוינע יעהאָוועס.
ער גלייבט נאָר אין העגעלן, און א ביסעלע אויך
אין דער ווענערע קאנאָוואס.

מײַן קאמפע געװען איז אמפיטריאָן,
געשײַנט האָט פון גליק זײַן פּאָנעם,
און ס'האָבן זײַנע אױגן געשטראַלט,
װי בא דער פארקלערטער מאַדאָנע.

כ'האָב געגעסן, געטרונקען מיט גרױס אפעטיט
און געטראַכט אין יענער רעגע:
„ס'איז קאמפע בעעמעס א גרױסער מענטש,
די קרױן פון אַלע פארלעגער.

„בא אן אנדער פארלעגער װאָלט איך דאָך
אװאַדע הונגערן דארפן.
און קאמפע גיט מיר אפילע א טרונק,
איך װעל אים קײנמאָל ניט װאַרפן.

„איך דאנק דעם באַשעפער אין דער הײך
פארן װײַניקן זאפט פון די גערטנער,
און דערפאר, װאָס אלס פארלעגער האָט ער
יוליוס קאמפען באַשערט מיר.

„איך דאַנק דעם באַשעפער אין דער הייך,
וואָס האָט מיט זײַן גרויסער ווערדע
די אויסטערס באַשאַפֿן אין יאַם
און ריינ־ווײַן אויף דער ערד דאָ;

„וואָס האָט איך ציטרינען וואַקסן געלאָזט,
די אויסטערס אויף צו באַנעצן —
לאָמיך נאָר, פֿאָטער, הײַנטיקע נאַכט
גוט פֿאַרדײַען דאָס עסן!"

דער ריינ־ווײַן מאַכט מיך שטענדיק ווייך
און יאָגט אַרויס פֿונעם האַרצן
יעטווידן טומל. די נעשאָמע ברענט,
נאָך מענטשן־ליבע גאַרט זי.

עס טרײַבט מיך דאַן פֿון צימער אַרויס
און ס'גלוסט זיך אין גאַסן שפּאַצירן,
און מײַן נעשאָמע אַ צווייטע זוכט
אין אַ קלייד אַ צאַרטלעך־ווײַסן.

אין אזוילכע מאָמענטן צעגיי איך זיך שיר
פון בענקשאפט און אומעט בעעמעס.
די קעץ זעען אויס פאר מיר אלע גרוי,
און אלע פרויען — העלענעס. — —

וואָס איז דער מענטש? א הוילער באגריף,
אן אבסטראקטע הילע דורכויסעט,
קאָנקרעטן אינהאלט גיט אים ערשט צו
ריין־ווייַן — א פולע קויסע.

און ווען איך בין אף דער שטריק־גאס ארויס,
האָט אין לעוואָנע־שייַן זיך באוויזן
א גרויסע פרוי מיט א בוזעם — א בארג,
א מעכטיקע פרוי — א ריזן.

איר פּאָנעם געווען איז רונד און געזונט,
די אויגן ווי בלויע שיסלען,
די באקן ווי רויזן, ווי קארשן דאָס מויל,
די נאָז נאָר רויטלעך א ביסל.

איר קאָפּ איז געווען מיט ווײַסן באדעקט,
פֿון קראָכמאַליעטן לײַנן א מיצל,
געפֿאלדעוועט, ווי א מויערקרוין,
מיט טורעמס און צייניקע שפּיצן.

די ווײַסע טוניקע, וואָס האָט זי באדעקט,
האָט ביז די ליטקעס דערגרייכט איר.
נאָר וואָסערע ליטקעס! און ס'ארא געשטעל —
צוויי דאָרישע זײַלן עכטע.

די איינפֿאכסטע נאטירלעכקײַט
איז אין אירע שטריכן געוועזן,
נאָר דער איבערמענטשלעכער הינטערטייל
האָט גערעדט פֿון א העכערן וועזן.

זי איז צוגעגאנגען צו מיר און געזאָגט:
„געגריסט זײַ דאָ בא דער עלבע.
נאָך דרײַצניאָריקן דאָ ניט זײַן
איך זע, ביסטו נאָך דער זעלבער!

„דו זוכסט די פײַנע נעשאָמעס געווים,
וואָס האָבנ דיר אָפּט זיך באגעגנט
אונ פלעגנ מיט דיר פארטרוימענ די נעכט
אינ אָט דער שײנער געגנט?

דו זוכסט אומזיסט! געפינסט שוינ ניט מער
די לאנגע אמאליע, די דיקע
אונ מאלעכ-ענלעכע האנכענ, ווי אויכ
די ברוינשווײַגער מומע פרידריקע.

„דו זוכסט אומזיסט! געפינסט שוינ ניט מער
די פאלשע גניאדע מאריאנע,
לויזע טויז־פּיק, די רויטע סאָפי,
אויכ ניט די אומשולדיקע טוסאנע.

„געפינסט ניט די שטרוי־ליאלקע יעטע מער
אונ אויכ ניט די גרויסע מאלווינע,
אונ ניט די קײַקל-פײַקל-מארי,
אונ די דראגונערנ קאטרינע.

„עס האָט זיי פֿאַרשלונגען דאָס לעבן, די שלאַנג,
די הונדערטקעפּיקע הידרע,
דו וועסט ניט געפֿינען די אַלטע צײַט
און די כוואַליעס דײַנע ווידער.

„וועסט ניט געפֿינען די בלומען מער,
וואָס דאָס יונגע האַרץ האָט פֿאַרגעטערט.
געבליט אָט דאָ, אָבער איצט פֿאַרוועלקט,
און ס'האָט זיי דער שטורעם צעשמעטערט.

„פֿאַרוועלקט, צעשמעטערט, אונטער די פֿיס
פֿון גראָבן גורל צעריסן.
מײַן פֿרײַנט, אָט דאָס איז באַשערט אויף דער ערד
פֿאַר אַלדעם שיינעם און זיסן!

„פֿון זינט דו האָסט אונדז פֿאַרלאָזט, האָט דאָ
זיך היפּשלעך איבערגעאַנדערשט,
ס'איז אויסגעוואַקסן אַ יונגער דור,
וואָס אַנדערש פֿילט ער און האַנדלט.

„די רעשטלעך פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט
פֿאַרשווינדן און צערינען,
דו וועסט איצט אַף דער שוויגער־גאַס
דאָס נײַע דײַטשלאַנד געפֿינען“.

— ווער ביסטו, — זאָג איך, — וואָס דו ווייסט
פֿון יענע דאַמען די נעמען,
וואָס פֿלעגן אין מײַן בילדונג אַמאָל
דעם טעטיקסטן אָנטייל נעמען?

יאָ, כ'אַנערקען, עס ציט נאָך מײַן האַרץ
אַ ביסעלע צום אַלטן
דײַטשלאַנד אויך איצט, און גערן איך טראַכט
פֿון די שיינע פֿאַרלאָרענע געשטאַלטן.

דאָך דו ווער ביסט? זעסט אויס מיר באַקאַנט,
ווי אַ בילד פֿון די אַלטע טרוימען.
וואָס זאַמסטו? צי קען איך ניט גיין מיט דיר?
זאָג מיר, ווו איז דײַן וווינונג?

די פרוי האָט א שמייכל געטאָן און געזאָגט:
„דו האָסט א טאָעס מיסטאמע,
איך בין א מאָראלישע פּיַינע פּערזאָן;
ס'א טאָעס, — איך בין ניט אזא מין.

„איך בין ניט קיין אויסגעלאַזטע מאמזעל,
צי גלאט א לאָרעטקע, אזוי זיך.
זײַ וויסן: די שיצערן פון האמבורג בין איך,
און געטן האמאָניע הייס איך.

„דו ביסט צעטומלט? צעשראָקן ביסטו,
דו, שטענדיק מוטיקער זינגער?
נו, ווילסט נאָך פּאָרט טאקע גיין מיט מיר?
איז טייקעף געגאנגען, און פלינקער".

איך האָב איר געענטפערט מיט הילכיקן לאַך:
— איך גיי מיט דיר טייקעף סײַווי,
שפּאַן דו פּאָרויס, איך גיי נאָך דיר,
אפילו אין גענעם, צום טײַוול.

קאַפּיטל XXIV

וויִאַזוי כ׳בין אַף די ענגע טרעפּלעך אַרויף
געקומען, קאָן איך ניט זאָגן.
עס האָבן אומזיכטיקע גײַסטער מיך
געוויס אַרויפגעטראָגן.

דאָ אין האַמאַניעס קעמערל קליינס
אוועק זײַנען שאָען שנעלע.
די געטן האָט מיר אָפּן דערקלערט,
אַז כ׳בין איר פון לאַנג שוין געפעלן.

„זעסטו,—האָט זי מיר געזאָגט,—אַמאָל
פלעגט מיך אַמנאָענטסטן רירן
דער זינגער, וואָס האָט דאָס מאָשיִעך־געזאַנג
געשפּילט אַף זײַן פרומער לירע.

„עס שטייט נאָך ביז איצט מײַן קלאָפּשטאָקס ביוסט
אַף דער קאָמאָדע, זעסט אים.
ער דינט מיר אָבער שוין יאָרנלאַנג
אַלס קלעצל דעם טשיפּעק צו מעסטן.

דו ביסט איצט מײַן ליבלינג, עס הענגט דײַן בילד
צוקאָפּנס פון בעט פון מײַנעם,
מיט לאָרבער מיט פרישע איז באַקראַנצט
די ראַם פון פּאָרטרעט פונעם פײַנעם.

„נאָר דאָס, וואָס דו האָסט מײַנע זינ אזוי אָפּט
געטשעפּעט, איז מוז איכ דערקלערנ —
עס האָט מיכ צײַטנווײַז טיפ געארט,
דו מוזט דערפונ פּאָטער ווערנ.

„עס האָט שוינ, האָפּנטלעכ, איצט די צײַט
פונ אָט די מידעס געהיילט דיכ,
אונ האָט אויכ מיט גרעסערער טאָלעראנצ
אפילע צו טיפשימ באטײלט דיכ.

„דאָכ זאָג מיר, ווי פאלט עס דיר איינ א געדאנק
אפּ צאָפּנ גאָר צו פּאָרנ
אינ אזא מינ צײַט? אינדרויסנ איז דאָכ
שוינ ווינטערדיק געוואָרנ!”

— אָ, מײַנ געטנ! — דערווידערט האָב איכ, —
טיפ אינעמ מענטשנס הארצנ
שלאָפנ געדאנקענ, וואָס וואכנ אָפּט אופ
אינ שאָענ אינ אומדערווארטסטע.

געגאַנגען איז מיר אויסערלעך גוט,
נאָר אינערלעך האָט עס געקרענקט מיך,
און ס׳איז מײַן קרענקונג געוואַקסן פֿון טאָג,
נאָכן היימלאַנד האָב איך פֿאַרבענקט זיך.

די שטענדיק לײַכטע פֿראַנצויזישע לופֿט
האָט גענומען מיר ווערן שווערער,
געמוזט כ׳האָב אין דײַטשלאַנד א שעפּ טאָג לופֿט,
אז איך זאָל דערשטיקט ניט ווערן.

נאָך דײַטשישן טאַבעק-רויך כ׳האָב זיך פֿאַרבענקט,
נאָכן טאָרפֿן־גערוך נאָכן פּעטן.
געציטערט מײַן פֿוס האָט פֿאַר אומגעדולד
דעם דײַטשישן באָדן צו טרעטן.

איך האָב געזיפֿצט אין דער נאַכט און געגאַרט,
איך זאָל שוין דעם טאָג דערלעבן
צו זען מײַן אַלטע, וואָס באַם דאַמב־טויער וווינט,
אויך לאָטכען וווינט דאָרט נעבן.

אויך יענעם אַלטן שטרענגן מאַן,
וואָס האָט מיך געזידלט שטענדיק
און שטענדיק גרויסמוטיק באַשיצט, אויך צו אים
געווען איז מײַן זיפֿץ געווענדעט.

כ'האָב ווידער פֿון מויל פֿון זײַנעם געוואָלט
דערהערן דאָס „נאַריש ייִנגל“,
דאָס פֿלעגט דאָך שטענדיק ווי מוזיק
אין האַרצן אין מײַנעם קלינגען.

איך האָב געבענקט נאָכן בלויען רויך,
וואָס שטײַגט פֿון די דײַטשישע קוימענס
נאָכן נידערזאַקסישן סאָלאָוויי,
נאָך די וועלדלעך פֿון בוקן־ביימער.

כ'האָב אויך נאָך יענע ערטער געבענקט,
ווו איך האָב געליטן פּלאָגן,
ווו איך האָב געשלעפּט דעם יוגנט־קרייץ
און די דאָרן־קראַנצן געטראָגן.

געהאַלט האָב איך וויינענדיק דאָרט, ווו געוויינט
כ׳האָב אמאָל מיט ביטערע טרערן.
איך מיין, אז ליבע צום פאָטערלאנד הייסט
דאָס נארישע באגערן.

איך רייד ניט גערן דערפון, דאָס איז
אין טאָג א קראנקייט א הוילע,
שעמעוודיק האָב איך פון שטענדיק אָנ
באהאלטנ מײַנ ווונד פארנ אוילעם.

ווי מיִעס אָט די העסלעכע כעוורע איז,
וואָס קעדיי די הערצער צו רירנ,
טראָגט מענ ארויס דעמ פאטריִאָטיזמ
מיט אלע זײַנע געשווירנ.

אומפארשעמטע בעטלער ניט מער,
וואָס בא די ארבל כאפנ:
— שענקט א פעניג פאָפוליאריטעט
פאר מענצעלנ מיט זײַנ שוואבנ!

אָ, מײַן געטנ, איך בינ נאָך הײַנט
זייער א מילד געשטימטער,
כ׳בינ עטוואָס קראנק, נאָר כ׳הייל מיך איצט
אונ גיך וועל איך ווערנ געזינטער.

יאָ, איך בינ קראנק, אונ דו וואָלסט געקאָנט
די נעשאָמע מײַנע דערפרישנ,
גיב מיר א גוטע גלאָז טיי, נאָר דו מוזט
מיט ראָם די טיי צעמישנ.

קאפיטל XXV

די געטנ האָט מיר סארקאָכט טיי,
ארײַנגעטאָנ ראָמ א ביסל,
אונ זי אלײנ האָט דאפקע ראָמ
אָנ טײ גענומענ געניסנ.

איר קאָפּ אפּן אקסל מיר אָנגעשפּארט, —
דערבײַ איז דאָס מויער־קריינדל,
איר טשיפּיק, עטוואָס געוואָרן צעקנייטשט, —
און צארט גענומענריידן:

„איכ טראכט אָפּטמאָל מיט שרעק דערפון,
ווי דו לעבסט עס אליינ און פארשטויסנ,
אָנ אופזיכט אינ דעמ צעלאָזטנ פּאריזש,
בא די פרײַזיניקע פראנצויזן.

„דו שליאָנדערסט דאָרטנ ארום, און ניטאָ
איז קיינ דײַטשער פארלעגער נעבנ,
וואָס זאָל ווי א מענטאָר וואָרענענ דיכ
און אָנווײַזונגענ געבנ.

„און די פארפירונג איז דאָרט אזוי גרויס,
פאראנ דאָרט אזוי פיל סילפידנ,
נאָכ אומגעזונטע דערצו, און לײַכט
פארלירט מענ דעמ נעשאָמע-פרידנ.

„פֿאָר ניט צוריק און בלײַב בא אונדז,
דאָ הערשן נאָך ריינע מינהאָגים.
און פֿיל פֿאַרגעניגנס שטילע וואָלסטו
אין אונדזער סוויווע געקראָגן.

„בלײַב בא אונדז אין דײַטשלאַנד, עס וועט דיר דאָ
איצט בעסער גיין ווי אנומלט.
מיר שפּרײַזן פֿאָרויס, דו האָסט געוויס
דעם פֿאָרשריט אליין באנומען.

„ס'איז אויך די צענזור שוין מער ניט שטרענג,
ס'ווערט האָפֿמאַן עלטער און מילדער
און וועט שוין ניט מעקן מיט יוגנט-ברען
דײַנע „רײַזע-בילדער".

„אויך דו ביסט עלטער און מילדער איצט,
און וועסט א ביסל זיך בייגן,
איז קאָנסטו אויך די פֿאַרגאַנגענהײַט
דערזען מיט אַנדערע אויגן.

„און אז ס'האָט זיך פריִער דאָ שרעקלעך געלעבט, —
איז איבערגעטריבן, אָן זינען,
מע האָט דאָ פון קנעכטשאפט אזוי ווי אין רוים
געקאָנט דורך זעלבסטמאָרד אנטרינען.

„דאָס פאָלק האָט פרייַהייַט פון מיינונג געהאט,
די גרויסע מאסן דעריקער,
מע האָט נאָר באגרענעצט די נישטיקע צאָל,
וואָס האָבן געוואָלט זיך דרוקן.

„געזעצלאָזער ווילקיר האָט דאָ ניט געהערשט,
און דעם ערגסטן פון דעמאגאָגן
האָט מען דאָ קיינמאָל אָן א געריכט
פון זייַן אמט ניט געקאָנט פאריאָגן.

„ניין, שלעכט איז אין דייַטשלאנד קיינמאָל ניט געווען,
מע דארף אמאָל ברענגען א קאָרבן,
נאָר גלייב, אין א דייַטשישער טורמע איז
פון הונגער קיין מענטש ניט געשטאָרבן.

„אין דער פארגאנגענהייט האָבן געבליט
דערשײַנונגען שיינע אזויפיל,
סײַ גלויבן און סײַ געמיטלעכקײַט,
איצט הערשט אָפּלייקענונג און צווייפל.

„די פּראקטישע פרײַהײַט זי קאָן דאָך נאָר
דעם אידעאל פארניכטן,
אָט דעם, וואָס מיר טראָגן אין הארצן און איז
ווי דער טרוים פון א ליליע ציכטיק.

„די שיינע דיכטונג אונדזערע וועלקט,
פארלאָרן שוין היפּש פון איר ברען האָט,
געשטאָרבן מיט אנדערע קיניגן איז
אויך פרייליגראטס מאורישער קיניג.

„דאָס אייניקל וועט עסן און טרינקען גענוג,
נאָר אויס צו די צײַטן די שטילע,
א ראשער ספּעקטאקל הייבט זיך איצט אָן,
עס ענדיקט זיך די אידיליע.

„אָ, ווען זאָלסט קאָנען שווײַגן, וואָלט איך
דאָס בוך פון שיקזאַל צעזיגלען,
און וואָלט דיר געוויזן די שפּעטיקע צײַט
אין מײַנע צויבער־שפּיגלען.

„וואָס ס'האָט ניט געזען נאָך קיין שטערבלעכער מענטש
וואָלט איך געקאָנט דיר צײַגן:
די צוקונפט פון דײַן פאָטערלאַנד,
נאָר ווי, דו קאָנסט דאָך ניט שווײַגן!"

— מײַן גאָט, אָ, געטן, — שרײַ איך אנציקט, —
ס'וואָלט זײַן מײַן גרעסט פאַרגעניגן.
לאָז מיך דאָס קינפטיקע דײַטשלאַנד זען —
איך בין דאָך א מאַן — איז געשוויגן.

איך בין דיר יעטווידע שווּע גרייט
צו געבן, לויט דײַן באַגערן,
אז איך וועל שווײַגן און היטן וואָרט,
זאָג זשע, ווי זאָל איך שווערן?

נאָר זי האָט דערווידערט: „שווער מיר אזוי,
ווי ס'האָט אמאָליקע יאָרן
עליעזער געשווירן דעם פאָטער אווראָם,
אין וועג זיך לאָזנדיק פאָרן.

„הייב אוף דאָס קלייד מײַנס און לייג צו די האנט
דאָ אונטן, אף מײַנע היפטן,
און שווער מיר, אז דו וועסט שווײַגן דערפון
אין ריידן און אין שריפטן!"

א פײַערלעכער מאָמענט ס'איז געווען!
ס'האָט באהויכט מיך מיט צײַטן מיט גראָווע,
ווען איך האָב געגעבן די שבועה אזוי,
ווי אמאָל — די אוראַלטע אָוועס.

איך האָב דער געטן פארהויבן דאָס קלייד,
געלייגט איר די האנט אף די היפטן,
און האָב איר געשווירן צו שווײַגן דערפון
אין ריידן און אין שריפטן.

קאפּיטל XXVI

עס האָבן דער געטנס באַקן געגליט,
אַפּאָנעם, עס האָט ביזן קריינדל
געשטיגן דער ראָם, — און זי האָט צו מיר
גענומען מיט ווייטעק ריידן:

„איך וועל שוין אלץ, געבוירן בין איך
מיט האמבורג דער שטאָט צוזאַמען,
דאָ, בא דער לעפצונג פון עלבע, געווען
איז די פיש-קיניגן מײַן מאַמע.

„מײַן פאָטער געווען איז א גרויסער מאָנארך,
קאראָלוס מאגנוס געהייסן,
נאָך מעכטיקער איז ער און קליגער געווען
פונעם פרײַסישן פרידריך דעם גרויסן.

„דער שטול, וואָס ער איז געזעסן אף אים
אין קרוינ־טאָג,— אין אאכען רוט ער,—
דער שטול, וואָס געזעסן אף אים באנאכט,
האָט געיארשנט מײַן גוטע מוטער.

„די מאַמע האָט מיר אים איבערגעלאָזט,
פון אויסן — א גאָרנישט א מעבל,
נאָר באָט מיר ראָטשילד זײַן גאנץ פארמעג,
כ׳וואָלט אים ניט פארקויפט דאָס, כ׳לעבן.

„דו זעסט, אָט דאָרט אין ווינקל שטייט
אַן אַלטע צעפּאָרענע קרעסלע.
דער לעדער פון אַנלעגן צעריסן איז שוין,
דער קישן פון מילבן צעפרעסן.

„נאָר גיי צו אַהין און טו אַ הייב
פון אָרט דעם צעטריפּעטן קישן,
דו זעסט אַ לאָך אַ רונדע דאָרט
און אונטן — אַ קעסל אַ היפּשן!

„דאָס איז אַ צויבערקעסל, ווו ס׳קאָכט
מיט מאַגישע קרעפטן גרעסטע.
און שטעקסטו אין לאָך אַרײַן דעם קאָפּ,
איז טייקעף די צוקונפט דערזעסטו.

„די צוקונפט פון דײַטשלאַנד דערזעסטו דאָרט,
ווי כוואַליענדיקע פאַנטאַזמען,
נאָר שרעק זיך ניט איבער, ווען ס׳וועלן פון קויט
אַ שפּאַר געבן די מיאַזמען".

געזאָגט אָט דאָס און זיכ מאָדנע צעלאכט,
נאָר כ׳האָב ניט געלאָזט זיכ שרעקנ,
און נײַגעריק האָב איכ געײַלט — דעמ קאָפּ
אינ דער שרעקלעכער לאָכ צו שטעקנ.

איכ וועל ניט זאָגנ, וואָס כ׳האָב דאָרט געזענ,
געשווירנ צו שווײַגנ — מײלע.
נאָר, גאָט, וואָס איכ האָב זיכ אָנגעשמעקט —
איז אויכ קוימ דערלויבט צו דערציילנ.

מיט ווידערווילנ דערמאָנ איכ זיכ
אינ יענעמ געמיינעמ, פארפלוכטנ
פאָרשפּיל־רייעכ — א מינ געמיש
פונ אלטנ קרויט און יוכטנ.

געוועז זײַנען שרעקלעכ די רייכעס, אָ, גאָט! —
וואָס האָבנ געהויבנ זיכ שפּעטער,
גלײַכ מע זאָל רייניקנ מיטאמאָל
זעקס און דרײַסיק קלאָזעטנ.

עס האָט מיט א ווילדן געמיש געשמעקט
מיט געהאנגענע פּאסקודניאקעס.
ווער ס'האָט באם לעבן שלעכט געשמעקט,
שמעקט נאָכן טויט געשמאקער.

כ'ווייס וויל, — ס'האָט אין זיכערקייט־קאָמיטעט
געזאָגט נאָך אמאָל סען־זשוסט, אז
מע מאכט קיין רעוואָליוציע ניט
מיט רויזן־אייל און מיט מוסקוס.

נאָר אָט דער דײַטשישער צוקונפט־געשטאנק
האָט איבערגעשטיגן, כ'קאָן זאָגן,
אלצדינג, וואָס מײַן נאָז האָט זיך פאָרגעשטעלט —
כ'האָב מער ניט געקאָנט פארטראָגן.

איך האָב געכאלעשט. ווען כ'האָב דערוואכט,
בין איך געזעסן ווי פריִער
באנאנד מיט דער געטן, דעם קאָפּ געלענט
אָפּ דער ברייטער ברוסט אָפּ אירער.

איר בליק האָט געבליצט, דאָס מויל — געגליט,
די נאָזלעפּלעך — געשפּרונגען,
וואקכאנטיש דעם דיכטער ארומגעכאפּט
און מיט ווילדן עקסטאז געזונגען:

„דער קיניג אין פּולע א בעכער פארמאָגט,
שאצט ער אים זייער, זייער,
און ווען ער גיט פונעם בעכער א טרונק,
נעמט זיך דער קאָפּ בא אים דרייען.

„דאן קומען אים אוף געדאנקען אין קאָפּ,
ניט מעגלעך צו טרעפן זיי טאקע,
דאן איז ער קאפּאבל אפּ אלץ, מײַן קינד,
און גיט א באפעל דיך צו פּאקן.

„פאָר ניט קיין צאָפּן און היט זיך שטארק
פאר יענעם קיניג אין טולע,
פאר די זשאנדארן און דער פּאָליציי,
פאר דער גאנצער היסטאָרישער שול אויך.

„בלײַב בא מיר אין האַמבורג, איך האָב דיך ליב,
מיר וועלן טרינקען און עסן
דעם ווײַן און די אויסטערס פון הײַנטיקן טאָג,
און די טונקעלע צוקונפט פאַרגעסן.

„דאָס דעקל אַרופ! דער מיעסער רייעך
זאָל אונדזער פרייד ניט פאַרניכטן.
איך האָב דיך ליב, ווי ס'האָט קיין ווײַב
ניט געליבט קיין דײַטשישן דיכטער.

„איך קוש דיך אָט, און כ'פיל דערבײַ,
ווי דײַן געני באַגײַסטערט מיך טאָמעד,
עס האָט אַ וווּנדערלעכער רויש
באַהערשט מײַן גאַנצע נעשאָמע.

„עס איז מיר, ווי כ'וואָלט פון גאַס דערהערט
געזאַנג פון נאַכטישע וועכטער, —
עס איז הימעניי, ס'איז כאַסענע־שפּיל,
מײַן זיסער, מײַן באַשערטער".

און רײַטער־דינער קומען אויך אָן,
און פּרעכטיק פֿלאַקערן פֿאַקלען,
זיי טאַנצן פֿריילעך דעם פֿאַקל־טאַנץ,
מיט שפּרונג און מיט טופּ און מיט וואַקל.

עס קומט דער הויך־וווילקלוגער סענאַט,
עס קומען די מענער די אַלטע,
דער בירגערמײַסטער הוסט זיך שוין אויס
און וויל אַ רעדע האַלטן.

דער קאָרפּוס פֿון דיפּלאָמאַטן זיך ווײַזט
אין די גלענצנדע אוניפֿאָרמען,
און אײַנגעהאַלטן באַגריסן זיי אונדז
אין די שכײנישע לענדערס נאָמען.

אַ גײַסטלעכע דעפּוטאַציע קומט,
פּאַסטאָרן און ראַבאָנים,
נאָר, אַך, — עס קומט דאָך האָפֿמאַן אויך
מיט דער צענזאָר־שער, — איך דערקאָן אים:

עס קלינגט די שער בא אים אינ דער האנט,
ער רוקט זי, די ווילדע בעסטיע,
אינ ליַיב אריַינ גליַיכ, א שניט אינ פלייש,
אונ — ארויסגעשניטנ דאָס בעסטע.

קאַפּיטל XXVII

װאָס ס׳איז אין יענער װוּנדער־נאַכט
דאָרט װײַטער פֿאָרגעקומען,
װעל איך אײַך דערציילן אַן אַנדערשמאָל
אין די װאַרעמע טעג פֿון זומער.

דער אלטער דאָר פון צוויַיעס פארשווינדט
באַ הײַנטיקן טאָג שוין, א דאנק גאָט.
ער זינקט צוביסלעכ אין קיווער, ער שטארבט
פון זײַן אייגענער ליגנער-קראנקײַט.

עס וואקסט א נײַער דאָר איצט אוף,
וואָס ווייסט פון קיין פוץ און קיין זינד ניט,
מיט פרײַען געדאנק און מיט פרײַער לוסט,—
איך ווענד זיך צו אים אצינדער.

עס בליט שוין די יוגנט, וואָס קאָן דעם שטאָלץ
און ליבע פון דיכטער שאצן,
זי ווארעמט זיך באַ זײַן זונען־געמיט
און טוליעט זיך צו זײַן הארצן.

ווי פײַער איז ריין און אומשולדיק מײַן הארץ,
און ליבע־פול ווי די זון איז,
די איידלסטע גראציעס האָבן אָנגעשטעלט
פון לירע מײַנער די סטרונעס.

ס'איז די זעלבע לירע, וואָס ס'האָט נאָך אמאָל
מײַן פאָטער געוועקט אירע טענער,
דער פארשטאָרבענער אריסטאָפאנ,
דער ליבלינג פונ די קאמענענ.

דאָס איז די לירע, וואָס ער האָט אפ איר
באזונגענ פײַסטעטערנ,
וואָס האָט זיך ארום באזיליי״ענ געדרייט
אונ ארופ אינ די הימל־ספערנ.

אינ לעצטנ קאפיטל האָב איך געפרוווט
א ביסל נאָכצומאכנ
דעם שלוס פונ „די פייגל” — זיי זײַנענ געוויס
דאָס בעסטע פונעמ פאָטערס זאכנ.

„די פרעש” זײַנענ אויך גרויסארטיק, איצט
אפ דײַטשיש איבערגעזעצטע,
מע שטעלט אפ דער בינע זיי, אינ בערלינ,
דאָס פארווײַלט דעם קיניג לעצטנס.

דער קיניג האָט ליב דאָס ווערק, דאָס ווײַזט
זײַנ גוטנ געשמאק דעמ אנטיקנ.
דעמ אלטנ פלעגנ מאָדערנע ־פרעש
מיט זייער קוואקענ דערקוויקנ.

דער קיניג האָט ליב דאָס ווערק, נאָר דאָכ —
ווענ ס'לעבט נאָכ איצט דער אווטער,
וואָלט איכ אימ ניט געראטנ אליינ
צו קומענ קיינ פרײַסנ דאפקע.

דעמ לעבעדיקנ אריסטאָפאנ
וואָלט געוועזנ דאָ קאלט אונ ווארעמ.
עס וואָלטנ אימ טייקעפ זיכער באגלייט
גאנצע כאָרנ זשאנדארנ.

מע וואָלט דערלויבט אפריער דעמ האמוינ
זיכ זידלענ אונ ניט זיכ שעמענ,
אונ ס'וואָלט באקומענ די פאָליציי
א באפעל אימ טייקעפ צו נעמענ.

אָ, קיניג, איך מיין דיר גוטס נאָר טאָן
און וויל דיר אַן אייצע געבן,
די טויטע דיכטער גיב קאָוועד אָפּ,
נאָר שאַנעווע די, וואָס לעבן.

באַליידיק קיין לעבעדיקע דיכטער ניט,
זיי האָבן פלאַמען און וואָפן
נאָך שרעקלעכערע פון יופּיטערס בליץ,
וואָס ס'האָט אויך דער דיכטער געשאַפן.

באַליידיק די געטער, די אַלט אי ניי,
דעם גאַנצן אָלימפּ פאַרניכטע,
אפילע דעם העכסטן יעהאָווע אליין,
באַליידיק נאָר ניט דעם דיכטער.

די געטער באַשטראָפן אוודע האַרט
דעם מענטש פאַר די שלעכטע מייַסים,
דער געגעם־פייַער איז שוידערלעך הייס,
מע בראָט און מע ברענט דאָרט פלייַסיק.

נאָר הײליקע זײַנען פֿאַראַן דאָרט, און זײ
ראַטעווען פֿונעם פֿײַער.
דורך טפֿילה און דורך נעדאָוועס דער קירך
קאָן מען פֿון פֿײַן זיך באַפֿרײַען.

און קומען וועט קריסטוס צום סאָף פֿון די טעג,
וועט דעם טויער פֿון גענעם צעברעכן,
איז ווי ס'זאָל שטרענג ניט זײַן דער געריכט,
וועט עמעץ זיך אויסדרייען, כ'רעכן.

נאָר פֿאַראַן איז א גענעם, וואָס פֿון זײַן האַפֿט
איז אוממעגלעך יעדע באַפֿרײַונג,
דאָ העלפֿט ניט קיין בעטן, אוממעכטיק איז דאָ
דעם וועלט-דערלייזערס פֿאַרצײַונג.

צי ווייסטו פֿון דאַנטעס גענעם ניט
די שרעקלעכע טערצעטן?
ווען דער דיכטער אהער האָט פֿאַרשפּאַרט,
דעם קאָן שוין קיין גאָט ניט רעטן.

קיינ גאָט, קיינ דערלייזער ניט רעטנ וועט אימ
פונעמ זינדיקנ פלאמ פונ יענעמ,
נעמ עס אינ אכט, מיר זאָלנ דיכ
ניט פארמישפעטנ צו אָט דעמ גענעמ.

באמערקונגען

האָפמאנ פאָנ־פאלערסלעבענ (1798—1874) — א פראָפעסער, א באווּסטער דיכטער; אינ 1841 יאָר ארויסגעלאָזט א בוכ אָפּאָזיציאָנעלע לידער אונטערנ קעפּל „ניט־פּאָליטישע לידער”. פאר דעמ דאָזיקנ בוכ האָט מענ אימ אָפּגעזאָגט פונ פּראָפעסור אונ ארויסגעשיקט פונ עטלעכע דײַטשישע מעלוכעס. נאָכנ 1848 יאָר אײַנגעריסנ מיט דער אָפּאָזיציע.

דער פּרײַסישער צאָל־פאריינ — אינ 1834 יאָר האָט פּרײַסנ געשלאָסנ א צאָל־פאריינ („טאמאָזשנע־אָפּמאכ”) מיט 10 דײַטשישע מעלוכעס. דאָס איז געווענ א פּרוּוו פונ עקאָנאָמישנ פאראייניקנ דײַטשלאנד אונטער דער אויבערהאנט פונ פּרײַסנ.

אאכענ — א שטאָט פונעמ רייג־געביט, א לאנגע צײַט געווענ די קרוינשטאָט פונ די דײַטשישע קייסאָרימ.

קארל דער גרויסער (742—814) — דער קיניג פונ די פראנקנ אונ דײַטשנ. געקראָגנ די רוימישע אימפּעראטער־פּאָנ פונעמ פּויפּסט אינ 800 יאָר; א פּאָפּולערע געשטאלט פונ מיטלאלטער, פיל מאָל באזונגענ געוואָרנ אינ דער דיכטונג.

קאַרל מײַער (1786—1870) — אַ פּאָעט פֿון דער „שוואַבישער שול“, פֿון וועלכער היינע פֿלעגט פֿיל חוזק מאַכן.

קערנער טעאָדאָר (1791—1813) — אַ דײַטשישער דיכטער, אַן אָנטיילנעמער פֿון די מילכאָמעס קעגן נאַפּאָלעאָנען; שטאַרק באַוווּסט געוואָרן מיט זײַן ביכל פּאַטריאָטישע לידער „די ליַרע און די שווערד“.

„און ס'קאָן נאָך די האַרציקע ווענדונג אַף „דו“ דעם אַמאָליקן „ער“ דערמאַנען“ — ביז דער מיט XVIII יאָרהונדערט און אפֿילע שפּעטער פֿלעגט מען אין דײַטשלאַנד צו אַ מענטשן פֿון נידעריקערן ראַנג זיך ווענדן מיטן נאָמענוואָרט „ער“.

יאָהאַנאַ פֿאָן־מאַנפּאָקאָן — אַ ראָמאַנטישע „פֿאָרשטעלונג פֿון XIV יאָרהונדערט אין 5 אַקטן“ — אַ ווערק פֿון אַווגוסט קאָצעבו, דערשינען אין 1800 יאָר.

באַראָן פֿוקע דע לאַ מאָט (1777—1843) — אַ דיכטער, אַ פֿאָרשטייער פֿון דער רעאַקציאָנערער אַדעליקער ראָמאַנטיק.

אולאַנד לודוויג (1787—1862) — אַן אָנגעזעענער דיכטער, אַ פֿאָרשטייער פֿונעם קליינבירגערלעכן ראָמאַנטיזם. די „שוואַבישע שול“ האָט אים באַטראַכט ווי איר פֿירער.

טיק לודוויג (1773—1853) — איינער פֿון די הויפּט־טוער פֿונעם פֿרי̇ען ראָמאַנטיזם, אַ ראָמאַניסט, נאָוועליסט און דראַמאַטורג.

דער פֿויגל אין פּאָסט־הויז — דאָס איז דער פּרײַסישער מעלוכע־הערב, אַ שוואַרצער איינויגיקער אָדלער.

אולריך פֿאָן־הוטען (1488—1533) — אַ דײַטשישער בורזשואַזער אידעאָלאָג אַ „הומאַניסט“, איינער פֿון די אַוטערס פֿונעם ביכל „בריוו פֿון פֿינצטערע לײַט“, — אַ סאַטירע, געווענדט קעגן די פֿאַרביסענע קלעריקאַלן און קאָנסערוואַטערס.

האָכסטראַטען יאָהאַן — דער קעלנער אינקוויזיטער, דער פֿירער פֿון די קלעריקאַלן.

מענצעל וואָלפגאנג (1793—1874) — א באוווסטער ליטעראַטור־קריטיקער און פובליציסט, אידעאָלאָגיש נאָענט געווען צו דער שוואבישער דיכטער־שול און א פײַנט פון דער גרופע „יונג־דײַטשלאנד” (א בורזשואז־רעוואָליוציאָנערע גרופע, וואָס היינע איז געווען איר אָנגעזעענסטער פאָרשטייער). מענצעלן האָט מען פיל מאָל דעמאסקירט ווי א מאָסער, וואָס גיט ארויס דער רעגירונג זײַנע ליטעראַרישע און פארלעגערישע קאָנקורענטן.

דער קעלנער קלויסטער — א באדײַטנדיקער דענקמאָל פון דער גאָטישער בוי־קונסט אין דײַטשלאנד, זיך געבויט אין XIII און XIV יאָרהונדערט. אין XVI יאָרהונדערט איז די בויונג אָפגעשטעלט געוואָרן צוליב דעם, וואָס דאן האָט געזיגט ליוטערס לערע, און דער קלויסטער איז געווען א קאטוילישער. אין 1842 יאָר האָט זיך דער קייסער פרידריך ווילהעלם IV ווידער גענומען דערבויען דעם קלויסטער.

ליוטער מארטין (1483—1546) — דער גרינדער פון דער פּראָטעסטאנטישער קירך, איינער פון די פירערס פון דער רעליגיעזער רעפאָרמאציע אין דײַטשלאנד. אין דער עפּאָכע פונעם פויערים־קריג האָט ליוטער געשפּילט א פארעטערישע קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע ראָליע.

פראנץ ליסט (1811—1886) — א בארימטער קאָמפּאָזיטער און פיאניסט.

א טאלאנטפולער קיניג — דאָ מיינט מען דעם בײַערישן קיניג לודוויג I (1825—1848), וואָס פלעגט ארויסטרעטן ווי א קונסט־שעצער. ער האָט אויך געשריבן לידער אין ארכאישן סטיל; געשטיצט די פּאָעטן פון דער „שוואבישער שול”.

די שוואבישע טיפּשים — אן אָנצוהערעניש אפ א דײַטשישער פאָלקס־מײַסע וועגן די זיבן שוואבן — א סימבאָל פון טויגעניכטצן און נאראָנים.

אין מינסטערער טורם פון סאַן־לאַמבערטיס קלו
טער — געפינען זיך דרײַ אײַזערנע שטײַגן מיט די גו
פון די געקעפּטע אָנפירער פון דער סעקטע אנאבאפּטיס
יאָהאַן לײדענער, קניפּערדאָלינג און קרעכטינג. די אנאב
טיסטישע באַוועגונג איז געקומען אלס פינאַל פונעם פויער
קריג אין דײַטשלאַנד.

„אין ביבעריך האָב איך געשלונגען שטײן" — דאָ
אומגעקומען די שיף מיט בוימאַטעריאַלן, וואָס די „שוואַבי
טיפשים" האָבן געשיקט אַף דערבויען דעם קעלנער קי
סטער.

קאַנט אימאַנועל (1724—1804) — א באַרימטער פילאָס
אידעאַליסט, דער גרינדער פונעם אַזויגערופענעם „קריטיציז
ער האָט געשאַפן אַן אײגענע סיסטעם אין געביט פון ד
דערקענטעניש־טעאָריע, פון עטיק און עסטעטיק.

פיכטע יאָהאַן־גאָטליב (1762—1814) — פּראָפעסער
קאַנטס פילאָסאָפיע. ער האָט באַזײַטיקט פון איר אַלע מאַט
ריאַליסטישע עלעמענטן. זײַן קאָנסעקווענטער אידעאַליזם ה
אײגנאַרטיק אויסגעדריקט דעם רעוואָלוציאָנערן באַוווסטז
פון דער דײַטשישער קלײנבורזשואַזיע.

העגעל געאָרג־פרידריך־ווילהעלם (1770—1831) — ד
גרעסטער פון די פילאָסאָפן אידעאַליסטן; ער האָט קאָנסעקווע
און ברייט אַנטוויקלט דעם דיאַלעקטישן מעטאָד, וועלכן עס ה
איבערגענומען בא אים און פאַנאַנדערגעאַרבעט קאַרל מאַרק
מאַרקס האָט אָבער אַוועקגעשטעלט העגעלס דיאַלעקטישע ב
הויפּטונגען מיטן קאָפּ אַרויף. לעהייפּעך צו העגעלן האָט מאַרי
אײַנגעשטעלט, אַז ניט דער באַוווסטזײַן באַשטימט דעם זײַ
נאָר פאַרקערט — דער זײַן באַשטימט דעם באַוווסטזײַן.

פאַגאַניני ניקאָלאַ (1784—1840) — א באַרימטער פידלע
ווירטואָז, וואָס האָט אין זײַן צײַט געהאַט א גוואַלדיקן דערפאָ
אין אַלע אײראָפּײאישע לענדער.

ספּיריטוס פאַמיליאַריס — אַ מין שטוביקער גייסט (לאַטייניש).

געאָרג האַריס (1780—1838) — אַ פאַרלעגער און אַ שרײַבער, פלעגט באַגלייטן פּאַגאַניניז אין זײַנע קאָנצערט־רײַזעס. ער האָט געפירט זײַנע געלט־איניאָנים.

סאָקראַט (469—399 ביז קריסטוס געבורט) — אַ באַרימטער אַלטגריכישער פילאָסאָף. געוועזן פאַרמישפּעט צום טויט — אויסטרינקען אַ בעכער ציקוטע (גיפט).

קאָנסול — דער הויפּט פון דער מעלוכע אין רעפּובליקאַנישן רוים.

ליקטאָרן — די ערנוואַך פון די רוימישע קאָנסולן, דירעקטע אויספילער פונעם קאָנסולס באַפעלן. דער צייכן פון זייער אַמט איז געווען אַ בינטל ריטלעך מיט אַ האַק אינדערמיטן.

האַגען — אַ קרײַז־שטאָט אין פּרײַסישן וועסטפאַלן.

די עפּל פון דער אַטאַלאַנטע — אַטאַלאַנטע איז אַ מיטישע שיינהייט, וואָס דער יונגער היפּאָמען האָט זי באַזיגט אין געוועט־לויף מיט דער הילף פון גאָלדענע עפּל. מיטן זיגער האָט זי באַדאַרפט חאַסענע האָבן.

מילהיים — אַ שטאָט אין דער ריין־פּראָווינץ.

וויוו ל'עמפּערער — זאָל לעבן דער אימפּעראַטער (פראַנצויזיש).

אונאַ — אַ שטאָט אין וועסטפאַלן (אַ פּרײַסישע פּראָווינץ).

געטינגען — אַ שטאָט אין האַנאָווער. הײַנע האָט זיך געלערנט אין געטינגענער אוניווערסיטעט אין די יאָרן 1820—1821.

קוואַרטן און טערצן — ספּעציעלע פעכט־באַוועגונגען בײַם מע שלאָגט זיך מיט שפּאַגעס.

amen — אָמיין (לאַטייניש).

טאַציט — אַ באַרימטער רוימישער היסטאָריקער (54—120).

טעוטאָבורגער וואַלד, וואַרוס, הערמאַן, דער כערוסקן־פירשט — דאָ איז אַן אָנווײַזונג אויף אַ ווירקלע־

כער היסטאָרישער געשעעניש: אין טעווטאָבורגער וואַלד
דער כערוסקן־שייוועט צוזאמען מיט אנדערע גערמאנישע ש
טימ פארניכטעט דריַי לעגיאָנען פונעמ רוימישן לעגאט ווא
מיט די כערוסקן האָט אָנגעפירט ארמיניוס (הערמאנ). או
איז די פינקטלעכע צײַט און דאָס אָרט פון דער געשעע
ניט באוווסט און היינעס אָנווײַזונג אפ דעמ אָרט איז ב
איראָניע.

וועסטאלקעס — די באדינערנס פון דער אלט־רוימישער געטנ וו
טא, וואָס פלעגנ אָפהיטנ דאָס הייליקע פײַער אינ טעמפל.
וועסטאלקעס האָבנ געמוזט בלײַבנ דאָס גאנצע לעבנ מייד
אומשולדיק.

קוויריטנ — אזוי האָט מענ אמאָל גערופנ די רוימישע בירגער.

הענגסטענבערג ערנסט־ווילהעלמ (1802—1869) — א בעו
נער פראָפעסער א טעאָלאָג, פלעגט ארויסטרעטנ אינ נאָמענ
אָרטאָדאָקסאלנ ליוטעראנענטומ, דאָס הייסט, פונ דעמ ליוטעראנ
טומ, וואָס איז אמבעסטנ צוגעפאסט צו די אינטערעסנ פונ
אבסאָליוטער מאָנארכיע.

נעאנדער יאָהאנ (1789—1850) — א פראָפעסער־טעאָלאָג
בערלינ, א קלויסטער־היסטאָריקער.

אוגורנ — אלטרוימישע פריסטער־טרעפער, וואָס פלעגנ פאָרשנ
דערקלערנ דעמ ווילנ פונ די געטער.

בירכ־פײַפער קאראָלינע (1800—1868) — אנ אקטריסע
נעמ ווינער הויפ־טעאטער.

ראומער פרידריכ־לודוויג־געאָרג (1781—1873)
א דײַטשישער היסטאָריקער א פראָפעסער.

פרייליגראט פערדינאנד (1810—1876) — א באוווסטער ד
טשישער דיכטער, געוועזנ א מיטגליד פונעמ „קאָמוניסטנ־פא
באנד“, געשטאנענ נאָענט צו מארקסנ און ענגעלסנ, סאָפ 60־
יאָרנ האָט ער אײַנגעריסנ מיט זײַנ רעוואָליוציאָנערער פא
גאנגענהײַט.

האָראַצי פלאַק (65—8 ביז קריסט. געב.) — א באַרימטער אַלט־רוימישער דיכטער.

דער פאָטער יאַן, פרידריך־לודוויג (1778—1852) — א פובליציסט און א געזעלשאַפטלעכער טוער, א פאַרביסענער נאַציאָנאַליסט.

Me Hercule! (לאַטייניש) — א פייערלעכע שווּע: „איך שווער בא הערקולעסן”.

מאַסמאַן, האַנס־פערדינאַנד (1797—1874) — א פילאָלאָג, א נאַציאָנאַליסט, אָנהענגער פון פאַטריאָטישער דערציִונג פאַר דער דייטשישער יוגנט.

נעראָן — א רוימישער אימפּעראַטאָר (54—68), זיין נאָמען איז געבליבן אין דער געשיכטע, ווי א סימבאָל פון ווילדן און אומזיניקן ווילקיר און טיראַניע.

שעלינג פרידריך־ווילהעלם־יאָסיף (1775—1854) — א באַרימטער דייטשישער פילאָסאָף־אידעאַליסט. אָנגעהויבן אַלס פילאָסאָף פון „פרייהייט” און אָנהענגער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז שעלינג דערנאָך געוואָרן א רענעגאַט. אין די 40־ער יאָרן טרעט ער אַרויס אַלס פאַרביסענער סוינע פון די העגעליאַנער און אַלס פאַרטיידיקער פון דער עקסטרעמער מאָנאַרכיסטישער און קאַטוילישער רעאַקציע.

סענעקאַ לוציאַניי (3 יאָר ביז קריסט. געבוירט — 65 יאָר פון קריסט. ערע) — א רוימישער פילאָסאָף, א סטאָיקער, אַווטאָר פון טראַגעדיעס, געווען נעראָנס דערציִער. פאַרמישפּעט צום קעפּן פאַרן אָנטייל אין א פאַרשווערונג קעגן דעם אימפּעראַטאָר, איז ער אַליין באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

קאָרנעליוס פעטער (1783—1867) — א דייטשישער מאָלער פון דער גרופּע „נאַזאַרייער” — א קינסטלער פון דער רעאַקציאָנער־רעליגיעזער ריכטונג.

Cacatum non est pictum (לאַטייניש) — „שמירן הייסט ניט מאָלן”.

asinus (לאַטיין) — איזל.

דעטמאָלד — די הויפּשטאָט פונעם פירשטנטום ליפּע.

קאָלב גוסטאַוו — דער רעדאַקטער פון דער „אַלגעמיינער צײַטו
ווו היינע פלעגט דרוקן זײַנע פּאָליטישע אַרטיקלען.

פּאַדערבאָרן — א פּרײַסישע שטאָט אין מינדענער קרײַז.

סיזיף — איג דער אַלטגריכישער מיטאָלאָגיע דער בויער און
קייסער פון קאָרינט; פאַר זײַנ פאַרברעכנ קעגנ די גע
איז ער שווער פאַרמישפּעט געוואָרנ — ער האָט באַדאַרפט
דער אונטערערדישער וועלט אַרופקײַקלען א שווערנ שטיינ
א הויכנ באַרג. אַלעמאָל, ווענ ער האַלט שוינ באַם דערגר
דעם שפּיצ באַרג, קײַקלט זיכ דער שטיינ צוריק אַראָפּ. נ
דאַנען שטאַמט דער אויסדרוק „סיזיפנ־אַרבעט".

דאַנאַידנ — דאַנאַיס טעכטער — אויכ מיטאָלאָגישע פּערזאָנ
פאַר זייער פאַרברעכנ האָבנ זיי באַדאַרפט אָנפילנ מיט וואַ
א פאַס אָנ א דנאָ.

רויטבאָרד, באַרבאַראָסאַ — דער דײַטשישער קייסער פריד
דער ערשטער (1123—1190) — א געשטאַלט פונ די דײַטש
פאָלקס־לעגענדעס.

קיפהײַזער — א באַרג אינ טירינגען.

chi va piano, va sano — ווער סע גייט פּאַמעלעכ, דער קומט
זונט (אַנ איטאַליעניש ווערטל).

דער זיבנ־יאָריקער קריג — די מילכאָמע אינ די י
1756—1763, וואָס דער פּרײַסישער קיניג פרידריכ II ז
צוזאַמענ מיט די ענגלענדער געפירט קעגנ עסטרײַכ, פראַנקר
רוסלאַנד, שוועדנ און שפּאַניע.

מאָזעס מענדעלסאָנ (1729—1786) — א דײַטשישער בורזש
זער אופקלערער.

קאַרשינ, אַנאַ־לויזע (1722—1791) — א פּאָעטעסע אַנ אימפּ
וויזאַטערנ, וואָס האָט איינ צײַט געהאַט דערפאָלג אינ די ב
לינער סאַלאָנען. דער פּרײַסישער קיניג פרידריכ־ווילהעלם ד
איר געשענקט א הויז אינ בערלינ.

די גרעפֿן דיובארי — לודוויג דעם XV א פֿאוואָריטקע. גי־ליאָטינירט געוואָרן בײַס דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָ־ליוציע.

לודוויג XV — א פֿראַנצויזישער קיניג (1715—1774) — אין זײַן צײַט איז דער אבסאָליוטיזם אינגאנצן צעלייגט געוואָרן. ארומגערינגלט מיט זײַנע הויף־לײַט און פֿאוואָריטקעס, האָט ער אומגעהייער פֿארשווענדט דאָס פֿאָלק־פֿארמעגן. נאָך אים איז פֿראַנקרײַך געבליבן שולדיק 4 מיליארד מעלוכע־כויוועס. אים ווערן צוגעשריבן די ווערטער: „נאָך אונדז מעג זײַן א מאבל".

אבראם מענדעלסאָן (1776—1835) — מאָזעס מענדעלסאָנס זון, א באוווסטער בערלינער באנקיר.

פֿעליקס מענדעלסאָן־בארטאָלדי (1809—1847) — מאָזע־סעס אייניקל, א באוווסטער דײַטשישער קאָמפּאָזיטער פֿון דער ראָמאנטישער ריכטונג. זײַן מוזיק איז סענטימענטאל און טראָגט א קריסטלעך־רעליגיעזע באפארבונג.

קלענקע קאראָלינע־לויזע (1754—1812) — קארשינס א טאָכטער, א שרײַבערן.

העלמינע טשעזי (1783—1856) — א ראָמאנטישע פּאָעטעסע, קלענקעס טאָכטער.

לודוויג XVI (1774—1793) — אן אייניקל פֿון לודוויג XV. אין זײַן צײַט האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פֿראַנצויזישע רעוואָליוציע. געקעפּט געוואָרן לויט דער באשטימונג פֿונעם קאָנווענט דעם 21 יאנואר 1793.

מאריא אנטואנעטע — לודוויג דעם XVI פֿרוי. אויך גיליאָטינירט געוואָרן.

מינדען — א שטאָט אין דער פּרײַסישער פּראָווינץ וועסטפֿאלן. ביזן 1873 יאָר געווען א פֿעסטונג.

אָדיסיי — דער העלד פֿון דער בארימטער אלטגריכישער פּאָעמע „אָדיסיי". צווישן אנדערעס ווערט דאָרט דערציילט, וויאזוי אָדי־

סיי איז אריַינגעפאלן אין דער הייל צום איינוויגיקן צי
פּאָליפעם. פּאָליפעם האָט פארשטעלט דעם אריַינגאנג מי
ריזיקן פעלדז און האָט אָנגעהויבן פארניכטן אָדיסייס בז
טער. קעדיי זיך צו ראטעווען, האָט אָדיסיי אָנגעשיקערט
פעמען; אינעם שמועס מיט אים האָט ער זיך אָנגערופן
נער”. ווען פּאָליפעם איז אנשלאָפן געוואָרן, האָט אים
סיי אויסגעשטאָכן דאָס איינציקע אויג און צוזאמען מיט
לעבן־געבליבענע באגלייטער זיך געראטעוועט פון דער היי

דִי שווערד פון דאמאָקל — לויט א פארציַיטיקער
האָט דער סיראקוזער טיראן דיאָניסי דער עלטערער איי
בעשאס א מאָלציַיט אופגעהאנגען איבערן קאָפּ פון זיַין
לינג דאמאָקל א שווערד, וואָס איז געווען צוגעפעסטיק
א האָר פון א פערד. דאמאָקל איז געזעסן אפן מאָלציַיט
איינע שרעק, אז אָט רײַסט זיך די שווערד אראָפּ און
אים.

Faubourg Poissoniér — די פאָרשטאָט פאָבורג אין פאריזש
היינע האָט דאן געוווינט מיט זיַין פרוי מאטילדע.

דאנטאָן, זשאָרזש־זשאק (1794—1759) — איינער פון
אָנגעזעענסטע טוער אין דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָ
ציע, האָט געהערט צום לינקן פליגל פון דער גרויסבורזו
זיע. ווען מע האָט דאנטאָנען געוואָרנט, אז אים דראָעט
טויט־געפאר און מ׳האָט אים פאָרגעלייגט אנטלויפן פון פר
ריַיך, האָט דאנטאָן געענטפערט, אז דאָס פאָטערלאנד קאָן
מיט זיך אפּ די שיך־זוילן ניט מיטנעמען. ער איז געב
אין פאריזש און איז אומגעקומען אפּ דער גיליאָטינע.

בוקעבורג — די הויפּטשטאָט פונעם פירשטנטום שאומבורג־ליפּ

האנאָווער — פון 1814 יאָר א זעלבשטענדיק פירשטנטום,
1866 א פריַיסישע פראָווינץ.

ערנעסט־אווגוסטוס — פון 1837 ביז 1851 קיניג פון

נאָוועך, פריִער געווען אַן אָנגעזעענער טוער פון דער ענגלי־
שער רעאַקציאָנערער פּאַרטיי „טאָרי".
האַרבורג — אַ פּאָרט־שטאָט אין האַנאָווער, צו דאָרעם פון האַמ־
בורג.
האַמבורג — אַ גרויסע פּאָרט־שטאָט בײַ דער עלבע.
טראָיע — אַן אוראַלטע שטאָט אין קליין־אַזיע, וואָס די גריכן האָבן
זי פאַרניכטעט נאָך אַ לאַנגיאָריקער באַלאַגערונג. די געשיכטע
פון אָט דער באַלאַגערונג איז באַשריבן אין האָמערס „אי־
ליאַדע".
דער פויגל, וואָס האָט געלייגט אַן איי אין פּאַריק
פונעם בירגערמײַסטער — ווערט געמיינט דער פּרײַ־
סישער אָדלער; היינע וויל דערמיט זאָגן, אַז האַמבורג דאַרף
זיך היטן אַרײַנצוטרעטן אינעם פּרײַסישן צאָל־פאַריין.
די אַלטע גודל — אַ גווירטע פונעם קויטיקן וואַל, וואָס היינע
האָט זי ניט איין מאָל אויסגעלאַכט.
דער פּאַפּיר־פּאַרקויפער — עדואַרד מיכאָעליס, אַ כאָשעווער
האַמבורגער בירגער.
*** (האַלע אַדאָלף) — דער מאַן פון טערעזע היינע, וואָס דער דיכטער
איז אַמאָל געווען פאַרליבט אין איר.
ביבער — אַ האַמבורגער באַנקיר, דער גרינדער פון דער האַמבורגער
סטראַכיר־געזעלשאַפט.
דער אַלטער צענזאָר — פרידריך־לודוויג האָפמאַן (1790—1861).
גומפּעלינאָ — לאַצאַרוס גומפּעל — אַ האַמבורגער באַנקיר, וואָס
איז געשטאָרבן דעם 9 נאָיאַבער 1843, גראָד אין דעם
טאָג, ווען היינע איז אָנגעקומען קיין האַמבורג.
מײַער היינריך (1788—1859) — אַ קליינער האַמבורגער ליטעראַט,
אַ טעאַטער־קריטיקער, געווען אַ קריפּל.
קאָרנעט יוליוס (1794—1860) — אַ באַוווסטער זינגער, אין יע־
נער צײַט דירעקטער פון האַמבורגער שטאָט־טעאַטער.
קאַמפּע יוליוס (1792—1857) — אַן אָנגעזעענער פאַרלעגער,

וואָס האָט ארויסגעגעבן היינעס ווערק, דערביי האָט ער היינ
רעכט היפש עקספּלואטירט.

פלאָרענץ און ווענעציע — איצט איטאליענישע שטעט, אמ
רייכע רעפּובליקן, אָנגעזעענע צענטערס פון דיכטונג און קונס

לאָרענץ — א באלעבאָס פון א האמבורגער רעסטאָראן.

שאָפּעפּיע הערמאן — א האמבורגער דאָקטער, א פראנט און
רעכילעסטרייבער.

ווילע פראנסוא — א זשורנאליסט, א רעדאקטער פון צוויי האנ
בורגער פעריאָדישע אויסגאבעס.

פוקס פרידריך — א פאָרשטייער פון דער האמבורגער אינטעל
גענץ, א פריידענקער.

קאנאָווא אנטאָניאָ (1757—1822) — א בארימטער איטאליענישע
סקולפּטער, אָנהענגער פון קלאסיציזם.

אמפיטריאָן — א העלד פון מאָליערס א קאָמעדיע, סימבאָליזיר
גאסטפריינטלעכקייט.

אלע פרויען — העלענעס — די שיינע העלענע איז געווען ד
פרוי פונעם ספּארטאנישן קייסער מענעליי; זי איז באזונגע
אין דער „איליאדע".

שטריק־גאס — א גאס אין האמבורג, ווו עס פלעגן אינאָוונ
ארומגיין א סאך גאסנמיידלעך.

דאָרישע זיילן — דה. אין דאָרישן סטיל פון דער אלטגריכי
שער ארכיטעקטור, א סטיל א מעכטיקער, א מאָנומענטאל־פּא
ריינפאכטער.

לאָרעטקע — א גאסנמיידל.

האמאָניע — דער לאטייַנישער נאָמען פון האמבורג, אויך דער נאָ
מען פון דער לעגענדארער גרינדערין און שיצערין פון אָ
דער שטאָט.

קלאָפּשטאָק פרידריך־גאָטליב (1724—1803) — א בארימ־
טער דיכטער, אווטער פון דער רעליגיעזער פּאָעמע „מעסיאדע".

געשאפן א ריי פאטריאטישע דראמעס.

די אלטע, וואס וווינט באם דאמב־טויער — היינעס מוטער.

לאטכען — היינעס באליבטע שוועסטער, שארלאטע עמברען.

דער שטרענגער אלטער — היינעס פעטער, דער האמבורגער באנקיר סאלאמאן היינע.

מענטאר — אדיסייס פריינט, וואס האט דערצויגן זיין זון טעלעמאק, ביים אדיסיי האט געוואגלט. באטייט בכלל א וועגווייזער, א דערציער. דא ווערט געמיינט איראניש דער פארלעגער יוליוס קאמפע.

דער מאורישער קיניג — א העלד פון פרייליגראטס א ליד פון יענעם פעריאד, ווען פרייליגראט איז געווען פארכאפט מיט ראמאנטישער עקזאטיק.

עליעזער — לויט דער ביבל אווראהאמס קנעכט.

קאראלוס מאגנוס — קארל דער גרויסער, דער קייסער, וואס האט געבויט די פעסטונג האמאבורג (פונדאנען שטאמט דאס ווארט האמבורג).

פרידריך דער גרויסער — א פרייסישער קיניג (1740—1786).

ראטשילד — א מישפאכע באנקירן־מיליאנערן.

36 קלאזעטן — די 36 מאנארכיעס, וואס דייטשלאנד האט מיט זיך דאן פארגעשטעלט.

סען־זשוסט, אנטואן לוי־לעאן (1767—1794) — א טוער פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואליוציע, א יאקאבינער, ראבעספיערס א מיטהעלפער, געווען א מיטגלידער פון קאמיטעט פאר געזעלשאפטלעכער רעטונג, דעם העכסטן ארגאן פון רעוואליוציאנערן פראנקרייך באם קאנווענט אין דער עפאכע פון דער יאקאבינער דיקטאטור (1793—1794).

דער קיניג פון פולע — ווערט געמיינט דער פרייסישער קיניג פרידריך־ווילהעלם IV.

די היסטארישע שול — א רעאקציאנערע ריכטונג אין די גע־

זעלשאַפֿטלעכע וויסנשאַפֿטן, וואָס האָט זיך געפֿונען אונט
שוץ פֿונעם פּרײַסישן קיניג פֿרידריך־ווילהעלם IV.

הימעניי — דער גריכישער גאָט פֿון הייראַט.

אריסטאָפֿאַנ (בערעך 385—450 פֿאַר קריסט. געבוירט) — א
רימטער אַלטגריכישער דיכטער, אויטער פֿון קאָמעדיעס.

פּײַסטעטער, באַזילייע — העלדן פֿון אריסטאָפֿאַנס קאָמע
„די פֿייגל״.

„די פֿרעש״ — אריסטאָפֿאַנס א קאָמעדיע.

קאַמענען — די מוזעס. אַזוי האָבן זיי גערופֿן די גריכישע פּאָע

דאַנטעס גענעם — דאַנטע אַליגיערי (1265—1321) — דער גרי
טער איטאַליענישער דיכטער, דער אויטער פֿון דער פּאָע
„די געטלעכע קאָמעדיע״. די גאַנצע פּאָעמע באַשרײַבט ד
דיכטערס וואַנדערונגען איבער יענער וועלט און איבערן ג
נעם. אַליין א לײַדנשאַפֿטלעכער פּאָליטישער קעמפֿער, אַן ז
הענגער פֿון דער פּאַרטיי גיבעלינען, האָט דאַנטע אויס נעק
מע אַרײַנגעזעצט אין גענעם אַרײַן אַלע זײַנע פּאָליטי
קעגנער.

טערצעטן (טערציגען) — א דרײַ־שורעדיקע סטראָפֿע מיט אַן ז
בערגעפֿלאָכטענער גראַמען־סיסטעם. אין אָט דער פֿאָרם איז געשרי
„די געטלעכע קאָמעדיע״.

אינהאלט

	זייט
פ. שילער — היינריך היינע	3
פאָרוואָרט	41
געזעגענונג מיט פאריזש	47
קאפיטל I	51
קאפיטל II	57
קאפיטל III	61
קאפיטל IV	67
קאפיטל V	74
קאפיטל VI	79
קאפיטל VII	86
קאפיטל VIII	94
קאפיטל IX	99
קאפיטל X	102
קאפיטל XI	105
קאפיטל XII	110
קאפיטל XIII	115
קאפיטל XIV	119

קאפיטל XV	זייט 28
קאפיטל XVI	34
קאפיטל XVII	41
קאפיטל XVIII	45
קאפיטל XIX	50
קאפיטל XX	154
קאפיטל XXI	159
קאפיטל XXII	165
קאפיטל XXIII	171
קאפיטל XXIV	181
קאפיטל XXV	188
קאפיטל XXVI	195
קאפיטל XXVII	204
באמערקונגען	211